ד״ר משה מערקין וועלכער האט דא געוויילט אייניקע וואכן, איז אויפגענומען געווארן פונם איווא קאמיטעט ביי א „לאנטש״ אין „כדתיא״־רעסטאראן, וווּ ער איז באגריסט געווארן פון חברים און ער האט דערציילט פונם יידישן לעבן אין בונעס־איירעס.

קומענדיקן חודש אַ פּיעסע אין דער טעלעוויזע „גאָלד פון בלעך״ אויפן מאָטיוו פון שלום עליכמ׳ס „צוויי הונדערט טויזנט״. הויבט סטאַר מאיר צעלניקער. אין „פאָקס פילם״ און „וואָרנער בראַדערס״ גייען צוויי שטיקער וווּ מאיר צעלניקער שפּילט מיט.

עס גייען ארום קלאַנגען, אַז דאָס גרענד פּעלאַס טעאַטער דעם ווינטער וועט שפּילן אונטער דער אָנפירונג פון יצחק קרעלמאַן. אָ צווייטע ווערסיע: אַז מאַרק מאַרקאָוו זאָל איבער נעמען די אָנפירונג. מאַרקאָוו זאָל גהערקומען פון ראַדעזיאַ, וווּ עס ווערט איצט געפייערט זיין 30 יאָר שפּילן יידיש טעאַטער. מיר שליסן זיך אָן מיט ברכות צום בעל יובל מאַרק מאַרקאָוו.

דער קולטור־טוער פון דרום־אפריקא בערל לעווינסקי האָט געהאַלט אַ רעפעראַט ביי די שבת נאָכמיטאָג און דערציילט פון דער וויכטיקער קולטור־טעטיקייט וואָס גייט אָן אין יידישן ישוב אין דרום אפריקא.

חזן גאָלדשטיין וועלכער איז אויף אַ באַזוך פון אמעריקע אין ענגלאַנד, האָט געהאַט צוויי קנצערט אָוונטן. צווישן זיין „חנ״ש״ האָט ער אויך געזונגען פאָלקס לידער און לידער פון לייוועקן און צייטלינען — דער עמוד־קינסטלער האָט שטאַרק אויסגענומען ביים לאָנדאָנער עולם.

דאָס אַקטיארן־פּאָרל סעם גאָלדבערג און עלען ווינאָגראַד האָבן געהאַט אַ וואָרט־קאָנצערט דאָ דעם פערגאַנגענעם חודש און זייער אויפטרעטן איז געווען אַ גרויסער דערפאָלג. זיי פאָרן איצט אויף אַ קאָנצערטן־טור אויפן קאָנטינענט.

יאָסל עפּשטיין מאַנטש אויף אַ באַזוך אין לאָנדאָן מיט זיין פרוי איז אויפגענומען געוואָרן אין הויז פון א. מ. קייזער און באַגריכט געוואָרן פון חברים.

פערגאַנגענעם חודש איז צו דער דריטער יאָרצייט פון שלום אש געליינט געוואָרן און גערעדט געווארן איבער שלום אַש, ביי די שבת נאָכמיטאָגס.

מענדל מאָזעס איז אין לאָנדאָן אויף אַ באַזוך פון ישראל.

א. מ. זוהל אויף זיין צוריק נסיעה קיין אַמעריקע פון ישראל און פוילן האָט געוויילט אייניקע טעג אין לאָנדאָן.

ד״ר שלמה נאָבל וואס איז געקומען אויף אייניקע וואָכן קיין לאָנדאָן אין ענינים פון ייוו״א איז אויפגענומען געוואָרן פונם קאָמיטעט פונם לאָנדאָנער ייוו״א אין הויז פון פריינט פאדאלסקי וווּ ער און זיין פרוי זיינען וואַרעם באַגריסט געוואָרן פון די קאמיטעט־חברים. אַן עפּענטלעכער באַנקעט איז געגעבן געוואָרן פאַר די חשובע געסט אין קאָרע האָטעל וווּ דר גלאָבוס האָט געהאַלטן אַ פּאָרטראַג איבער וויכטיקע ענינים בנוגע יידישע פאָרשונג. דר. א. שטיינבערג האָט געפירט דעם פאָרזיץ. דער סעקרעטאַר מיכאל זילבערבערג האָט איבערגעגעבן וויכטיקע פּרטים וועגן וויטערדיקע אַרבעט. עס איז צו האָפן, אַז די ייוואָ־טעטיקייט אין לאָנדאָן וועט אָנגיין מיט געשטאַרקטערע כוחות.

פערגאַנגענעם חודש אין דער לעבעדיקער צייטונג, איינגעאָרדנט פונם יידישן שרייבער־פעראיין און יידישן וועלט קאָנגרעס האָבן זיך באַטייליקט: שלמה אויערבאַך, אלחנן וואָגלער, א. מ. קייזער און א. נ. שטענצל. דעם פאָרזיץ האָט געפירט יוסף פרענקל.

די דיכטערין מלכה טוזמאַן, וואָס האָט געוויילט אייניקע טעג אין לאָנדאָן איז אויפגענומען געוואָרן, צוזאַמען מיט איר מאַן אין הויז פון ש. י. האַרענדאָרף.

אלחנן וואָגלער האָט זיינע „האָלידעיס״ פאַרבראַכט ביי אונז אין לאָנדאָן, ער איז אויפגעטרעטן ביים די שבת נאָכמיטאָגס וווּ ער איז זייער וואַרעם אויפגענומען געוואָרן פונם עולם און באַגריסט געוואָרן פון חברים. אויך אין הויז פון דר. יעקב מייטלים איז ער באַגריסט געוואָרן פון חברים.

לעאָ קעניג געפינט זיך אין לאָנדאָן. חברים האָבן אים אויפגענומען אין הויז פון דר. יעקב מייטלים. מיר זאָגן די חשובע געסט לעא קעניג און פרוי קעניג א הארציקן ברוך הבא.

אברהם קאָכמאַן, וואָס האָט דאָ געוויילט אין לאָנדאָן האָט ביי די שבת נאכמיטאגס דערציילט פון ישראל.

עלעק וואָטערמאַן איז געוועזן אין וואַרשע אויף דער טויזנט־יאָר־פייערונג פון באַשטיין פון פוילן.



# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נומער 9 (העפט 349) איין און צוואַנציקסטער יאָר סעפטעמ. 1960 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

א י נ ה אַ ל ט:

חשבון־הנפש, סקאַרבאָווער ניגון, צום ערשטן נומער פון 21׳סטן יאָרגאַנג. צום מאָסקאָווער געשריבענעם לוח, יום קדוש, צום בוך „וויטשעפּל״ (יונ״א־ימים־נוראים, רבי׳שע־פּאָרטרעט, טעמזע־תשליך.) ........ ** 1
די צוויי טעג ראש השנה (עסיי) ........ יעקב ריכטיגער 6
און איר פרעגט (ליד) ........ עלי זילבערג 13
העלדן־קדושים (ליד) ........ חיים וואַלדמאַן 14
די ניינטע אָפּטיילונג פון גיהנום? (עסיי) ........ מ. מינדל 14
אַ תפילה, דו, פרוזדור (ליד) ........ שמואל וההייט 17
אויף חרובע וועגן (אַ קאַפּיטל פון אַ ראָמאַן) ........ משה דאָמב 18
די ווערבע, געזאַנג איבער צייטיקער תבואה, אין האָבער פעלד, דאָס פערד ביים צוים, צוויי זומערפייגעלעך, דער מולד, אין אַ רעגן־טאָג (לידער) א. נ. שטענצל 21
די אַנטוויקלונג פון דער אַמעריקאַנער יידישע פּאָעזיע (עסיי) הרב עמנואל גאָלדסמיט 24
צוויי מעטריקעס, בינגאָ און מנחה, וועגן אַ גראַמען־פּליטע ........ מ. אַלטמאַן 30
אַ באַגריסונג ........ אייזיק גאָלדבערג 32
רעדאַקציע נאָטיץ ........ 32

ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס

**פרייז 2 שילינג**

גערענקט דעם שמחת־תורה באל
שבת, דעם 15׳טן אָקטאָבער

**אַבאָנאַמענט־פּרייז:—26 שילינג פאַר אַ יאָר**

**אין אויסלאַנד:—8 דאָלאַר אַ יאָר**

אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע:—
"LOSHN UN LEBN," 17 DELAMARE BUILDINGS,
COLLINGWOOD STREET, LONDON, E.1. ENGLAND

*Published and Edited by* A. N. STENCL, *17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press. 129-131 Cavell Sreet, London, E.1*

## לשנה טובה תכתבו ותחתמו

די רעדאַקציע „לשון און לעבן“ ווינשט אירע מיטאַרבעטער, לייענער און כל ישראל אַ כתיבה וחתימה טובה.

יהודה ביעטש, פרוי און טאָכטער, ווינטשן זייער משפחה ברידער און שוועסטער, פריינט און באַקאַנטע, בכל מקום שהם׳ אַ שנת חיים ושלום און אַ כתיבה וחתימה טובה.

מנשה ווייסגראַס און פאַמיליע ווינשט זיין פאַמיליע, פריינט און בעקאַנטע אַ געזונט און גוט יאָר.

נ. רובין און פאַמיליע ווינשן זייער משפחה און פריינט פון יידיש לשון שוישפילער פון גראַנד־פּאַלעיי־טעאַטער און באַזונדער מאַרק מאַרקאָוו און עטאַ טאָפּל, אין סאדערן ראָדיש־אַ, אַ כתיבה וחתימה טובה.

דער קאָמיטעט פון „פריינט פון יידיש לשון“ ווינטשט זיינע מיטגלידער אַ כתיבה וחתימה טובה.

די ברידער נאָראָדיצקי בר כוכבא און כרמל, פון פאַרלאַג און דרוקעריי „די נאַראָד פּרעס“ ווינטשן אַ כתיבה וחתימה טובה זייער מוטער אין ישראל און זייער קרובים און פריינט, אָנגעשטעלטע און קליענטן.

עמנואל געלער, פרוי און טאָכטער ווינטשן אַ גוט יאָר זייער משפחה און פריינט.

שלמה ראָזענפאָרב ווינטשט קרובים און פריינט אַ כתיבה וחתימה טובה.

מיכאל לידור און פרוי ווינטשן זייערע עלטערן און שוועסטערן אין לאָנדאָן און אין ישראל און אַלע קרובים און פריינט אַ כתיבה וחתימה טובה.

כ׳ווינטש אַ כתיבה וחתימה טובה מיינע פריינט שטענצל און זיין פלימעניק, דעם ליבן פריינט י. ביעטש און זיין משפחה, משה דאָמב.

מאָריס מינדעל און פרוי ווינטשן אַ גוט געזונט יאָר זייער משפחה און זייערע פריינט.

נחום שטענצל, פרוי און טאָכטער און א. נ שטענצל ווינטשן זייערע קרובים און פריינט אַ גוט יאָר, אַ כתיבה וחתימה טובה.

יודל גאָלדבערג, פרוי און טאָכטער ווינטשן די גאַנצע משפחה, פריינט און באַקאַנטע אַ גוט יאָר.

יהושע פּאָדראַ ווינטשט זיינע פריינט אין באַקאַנטע אַ לשנה טובה.

יעקב און בתיה ריכטיגער ווינטשן זייערע קינדער און אייניקלעך, קרובים און פריינד אַ כתיבה וחתימה טובה.

יוסף הלל בינענפעלד ווינשט זיינע טעכטער, איידעמס, אייניקלעך, מחותנים אין פראַנקרייך און די יינגסטע טאָכטער, איידעם׳ אייניקל און ניו־יאָרק און די גאַנצע משפחה אין מדינת ישראל און כל ישראל אַ כתיבה וחתימה טובה צום נייעם יאָר תשכ״א.

מרס. לילי פרידמאַן ווינשט דער פאַמיליע און אַלע גוטע פריינט און בעקאַנטע אַ גוט געזונט יאָר.

אברהם שפּיגלמאַן און פרוי, ווינטשן זייער קינדער אין ענגלאַנד און אין אַמעריקע, זייערע אייניקלעך און אוראייניקלעך און אַלע זייערע קרובים און פריינט אַסך גוטע געזונטע יאָרן.

צו אַלע אונזערע פריינט — אַ „שנת חיים ושלום“ — ג. מ. קייזער און פאַמיליע.

שמואל מאַקאַטאַוו ווינשט אַלע חברים און פריינט אַ שנה טובה.

ש. זאַלקין און פרוי ווינשן זייערע קרובים און פריינט אַ גוט יאָר.

שלמה יאַקובאָוויטש, פרוי און קינדער ווינטשן זייער משפחה, פריינט און אַלע יידן אַ גוט יאָר.

מאַרי ביעטש, פרוי און זון, ווינטשן זייער משפחה, קרובים און פריינט, בכל מקום שהם, און „פריינט פון יידיש לשון“ אַ גוט און גליקליך יאָר. און אַ כתיבה וחתימה טובה.

לשנה טובה פריינט פון אידיש. מרס. ב. כהן — 56 אַרלינגטאָן לאָדש.

סיידי שעני פון 463 קאַמערשל רויד א.1., ווינטשט איר ברודער, און פאַמיליע און אַלע פריינד אַ גוט און גליקלעך יאָר.

גדליה און מלכה ליכטענשטיין ווינטשן זיירע שוועסטער און ברודער, קינדער און דאָס ליבע אייניקל, פריינד און גאַנצע משפחה אַ רואיק און גליקלעך יאָר.

לואיס קויהען און פרוי ווינטשן אַלע זייערע פריינט און משפחה, אַ כתיבה וחתימה טובה.

מרס. שרה סאָכאַטשעווסקי ווינטשט איר קרובים און פריינט אַ כתיבה וחתימה טובה.

מרס. שרה לאה האָכשטיין׳ ווינטשט איר פאַמיליע, פריינט און זון און קרובים, בכל מקום שהם, אַ גוט יאָר, און אַ כתיבה וחתימה טובה.

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נומער 9 (העפט 349) איין און צוואַנציקסטער יאָר סעפּטעמ. 1960 לאָנדאָן

## חשבון הנפש

עס מוז נעמען גאַנצע פרימיטיווע עפּאָכעס, אַ לאַנג־דויערנדיקער געראַנגל פון דורות ביז אַ פאָלק דערגייט צום דרך־המלך פון אינערלעכע ענוות, צום חשבון־הנפש מיט זיך אַליין, צום מנוחת־הנפש פון סאָציאַלן און פילאָזאָפיש־מאָראַלישן אמת פון „אין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא“.

די אויפגעשטעלטע סקאַלע פון עטישע און סאָציאַלע מידות, די גאַנצע גייסטיקע האָרעוואַניע פון אַ פאָלק מוז איינפאַלן, ווי אַ קאָרטן־הייזל, ווען עס האָט נישט דעם כוח זיך צו דערגרונטעווען צו אַזאַ פאַרטיפטן אויסגעגלייכענעם יסוד.

דערפאַר איז יום־כיפור געבליבן ביים יידישן פאָלק דער יום־הקדוש, דער „שבת שבתון“ אַ „חקת עולם“ לדורות, ווייל אָן חשבון־הנפש, אָן ווידוי קאָן דער מענטש נישט דערגרייכן, — אין זיין יחידישן ווי אין זיין געזעלשאַפטלעכן לעבן! — צום באַגריף פון סליחה ומחילה, צו דער העכסטער הכנעה צו קענען שטיין פנים אל פנים פאַר גאָט, פאַרן צלם־אלוקים — מענטש! איינערלעך אויסגעגליכן און אין סאָציאַלער גלייכקייט.

דער מענטש, דער יחיד, ווי דער כלל, דאָס בינטל ליידנשאַפטן, וואָס איז עלול יעדע ווייל אַרויסצושפּרינגען פון די האַלאַבלעס, נישט נאָר פון די צוגעפּאַסט געזעלשאַפטלעכע, נאָר אפילו פון די באַקוועם־באַגרענעצטע פאַרן אייגענעם גוף, נישט נאָר פון די אָנגענומענע גייסטיקע, נאָר פון די ניצלעכע פיזישע; ער, דער מענטש, איז דאָך עלול צו אַלצדינג, נישט נאָר יענעם, נאָר זיך אַליין אויפן ערגסטן צו שעדיקן —

און כדי צו באַווייזן, אַז ער קען, אַז ער איז נישט נאָר עלול, נאָר ער איז עס אויך ביכולת, וועט ער צומאַכן די אויגן, כדי צו טון דעם נישט באַרעכנטן, דעם רוקן־און־לענדן־ברעכנדיקן אַוואַנטוריסטישן שפּרונג — אבי זיך צו באַווייזן!...

איז ווו וואָלט ער דערגרייכט דער מענטש — און ערשט דער ייד, דאָס עמא דפזיזא! — אָן דעם שטיקל חשבון הנפש ווייניגסטנס איינמאָל אַ יאָר, „אחת בשנה“.

איז ממה־נפשך: וועט מען האָבן די כוחות, נאָך דעם געמאַכטן סך־הכל, די לייצן אין די הענט צו נעמען און אויף וויפל עס איז זיך צו צוימען, איז דאָך מה טוב; אלא דער מענטש איז געקניפּט צו זיין עקסיסטענץ, צו זיין כאַראַקטער ווי אַ הונט צו דער קייט, זאָל ער דאָך כאָטש אַ בייזן ביל טון אויף זיך אַליין — אויף זיך אַליין אַמאָל אַ קריץ טאָן מיט די ציין...!

אז מען מאַכט אַ שטריך אונטער אַ רעכענונג, אפילו ווען מען רעגולירט

נישט די חובות, אָטעמט מען, לכל הפּחות, באַרואיקט אויף: מען מישט אויף אַ ניי בלאַט און מען האָט דעם מוט צו מאַכן נייע חובות. אונטער אַ באַרג נישט רעגולירטע שולדן עס וואָלט דער מענטש אינגאַנצן פאַרזונקן, און קיין תקומה קיינמאָל נישט געהאַט; צומאָל נישט געהאָפט עס אַמאָל צו האָבן.

די „איינריכטונג" האָט די קריסטלעך אייראָפּעאישע ציוויליזאַציע אויפגעכאַפּט מיט ביידע הענט, און די מאָדערנע פּסיכאָלאָגיע האָט זיך דערגריבלט מיט איר ביז צו דער פּסיכאָ־אַנאַליזע; אָבער ביידע פאַרביליקן זי מיט זייער פּראַקטיצירנדיקן מעדיום...

ווי פּרימיטיוו־אינסטינקטיוו ווי אינערלעך שעפעריש האָבן מיר עס אָנגעהויבן: „אין שלום בעצמי מפני חטאתי", און ווי העראָאיש־ראַנגלדיק האָט זיך דער רויטער פאָדים געוויקלט נישט איבערגעריסן צו ווערן פונם „ואם אין מחני נא" ביזן פאָלקסטומלעכן: „איך לוי יצחק בן שרה מיבאַרדיטשעוו" — אָן פּניות, פול פּנימיות, תמיד פּנים אל פּנים — מענטשלעך פערזענלעך!

און ווי האָט עס דאָס יידישע פאָלק בציבור דערפילט, „ווי אַ פיש אין וואַסער געציטערט" — עס איז געוואָרן דער שעיר־לעזאזל פון די פעלקער, דער „קרבן חטאת לד'" — —

עס מוז נעמען גאַנצע פּרימיטיווע עפּאָכעס, לאַנג־דוירנדיקע געראַנגלען פון דורות ביז פעלקער פאַרשטייען דאָס אייביקע געזעץ, דעם „חקת עולם" אָן וועלכן עס זיינען אַלע עטישע און סאָציאַלע געזעצן נאָר אַ בלוטיקער געראַנגל פון ליידנשאַפטן; נישט נאָר איינער דעם אַנדערן צו פאַרטיליקן, נאָר זיך אַליין אַ־מעשה־אָנצוטאָן.

וואָרים ווידוי און חרטה מיינט נישט נאָר בין אדם למקום און בין אדם לחברו — דער חשבון הנפש איז מיט זיך אַליין, צו וויסן ווו און ווי מען האַלט; דער גרעסטער שונא קאָן זיין אַמאָל דער מענטש זיך אַליין.

און וואָס איז דען די מענטשהייט, דער מולטי־קאָמפּליצירטער מאַסע־מענטש? אוראַנג־אוטאַנג באַוואָפנט און „אויסגעשטאַטעט" מיט כל־המיני טעכנישע און אַטאָמירטע אויטאָמאַטן — ווען נישט גאָט אין אונז, פּנים אל פּנים מיט דערבאַרימונג פון איינעם צום אַנדערן.

## סקאַרבאָווער ניגון

וויאַזוי איז דאָס צו פאַרשטיין אַ מענטש קומט איינמאָל אין יאָר אין דער סינאַגאָגע אַריין, פאַרן עמוד שטייט אַ חזן און „ציקלט" זיך, און אַז ער כאַפּט שוין אויף אַ וואָרט פאַרשטייט ער ערשט נישט דעם פרעמדן טייטש דערפון.

ער שטייט אַ נאָר אויף מאַרק, אַ צעמישטער מישט ער דאָס מחזור. אָבער פּלוצלינג דערהערט ער אַ טאָן, אַ גאַמע. עפּעס צעשאָקלט זיך אין אים, און מיטן גאַנצן עולם חזרט ער איבער אַ וואָרט, און נאָך אַמאָל דאָס זעלבע וואָרט. און ווי ווען וואָלטן אָנקלאַפּן אין אַ ברעג — —

וואָס ווייסן מיר פון דעם דודותדיקן? וואָס מער מיר ווילן דערפון וויסן, אַלץ ווייניקער ווייסן מיר דערפון.

עפּעס האָט זיך אַזוינס אַרויסגעריסן אין אַלטע צייטן ווי אַ קוואַל פון אַ



פעלדז, און דורשטיק פאַרשמאַכטע, טרינקען מיר נאָך איצט דערפון.

אין יענע צייטן, ווען מען האָט נאָך דערפילט דעם כוואַליע געפּלאַפּל, מיר האָבן זיך ריטמיש מיטגעוואָקלט, אים באַגלייט מיט טענער־„פאַלן", ווי האָבן זיך הערצער געהויבן מיט התרוממות און געזונקען אין אימה.

און אַז מען האָט גענומען זינגען די נגונים בציבור, ווי האָבן הערצער פון האָניק־זיסער בענקשאַפט זיך צעגאָסן און וואַרעם געטריפט פון אָנגעצונדענע אויגן און וואַקסענע ליכט — איין צעכוואַליעט וויגנדיק געזאַנג, צעפּלאַפּלט פון ברעג צו ברעג איז געווען אין שטעטל יעדע שול.

מיליאָנען יידן איבער דער גאָרער וועלט האָבן געזונגען אַ געזאַנג און ס'איז געווען גאָט איבער דער וועלט.

ווער ווייסט וואָס, ווער ווייסט ווען? וואָס ווייניקער מיר ווילן וויסן דערפון, וואָס גרעסער איז עס, וואָס טיפער דערפילן מיר'ס. מיט וויפיל פרעמדע טייטשן ס'ווערן יענע ווערטער פאַרשטענדלעך איצט, מיט אַזוי פיל פרעמדע טענער פאַרוואָסערט די ניגונים — —

אָבער ווען אַ ייד קומט אין שול אַריין, — ווי ווייט ער זאָל נישט זיין דערפון, דערהערט ער דאָס נישט פאַרשטענדלעכע וואָרט, כאַפּט ער אַ טאָן פון יענעם וויגנדיקן ניגון, ווערט ער אַ צעפּלאַפּלטע מיט־שאָקלדיקע כוואַליע צווישן די שטאַמלדיקע כוואַלעס און קלאַפּט אָן אין ברעג מיט אַן אייגענעם טאָן, און ס'טריפט גאָט אין אים מיט אָנגעצונדענע ליכטיקייטן.

די סקאַרבאָווע מעלאָדיע, דער סני־ניגון איז אויך יענער לעבעדיקער קוואַל וואָס פליסט אין יידישן פאָלקס־ליד, דאָס איז דאָס רעליגעזע געפיל, וואָס מען שפּירט בשעת מען הערט עס זינגען. ווי פאַרפרעמדט, ווי ווייט־אָפּגעריסן, אָבער פּלוצלינג הייבט עס אָן צופליסן אין אייגענעם בלוט, עס פּלאַפּלט, מיט עס זינגט מיט אַזוי הייליק־פאַריינגט און היימיש־דערפרישט — נויט און טויט, ליבע־לייד און קינדער־פרייד אַזוי תפילהדיק נאָנט.

## צום ערשטן נומער פון 21'סטן יאָרגאַנג

(ערב ראש־השנה ת"ש—תשכ"א)

וויאַזוי קניפּט זיך די קייט פון קאָנטיניויאיטעט? — ווען דער עבר און דער הווה ווערן סימפּטאָמען פאַר אַ ווייטערן עתיד.

שטיין אויף אַ שוואַכן, פאַרלאָזטן פּאָסטן מיינט נאָך נישט אַ סימן פון העלדישקייט, אָבער אַ צייכן פון געטריישאַפט איז עס; עס מוז אויך נאָך נישט זיין קיין באַווייז, אַז מען וועט אים קאָנען באַשיצן, אָבער אַ גלויבן, לכל־הפּחות, אַז ער איז ווערט באַשיצט צו ווערן.

יאָ, „וויסן איז מאַכט", ווי טעכניק פירט צו נצחון! אָבער זיינען דען אַנדערע סימפּטאָמען פאַראַן פאַרן המשך פון גייסטיקע שעפערישקייט, ווי גלויבן און געטריישאַפט?

אָ, אַז די־אָ צוויי, — פאַר שוואַכן פּחדן און פאַרן אחריותדיקן שונא די דירעקטע באַווייזן פאַרן טויט! — מוזן דווקא זיין די אימשטערבלעכע ביידע עדות פאַרן דורות־דויערנדיקן עתיד.

## צו אַ מאָסקווער געשריבענעם לוח

שווערער מאַכן אַ חשבון־הנפש מיט זיך,
ווי דעם מאַטעמאַטישסטן חיסור און כפל,
ווי דעם אַסטראָנאָמישסטן ציפער סך־הכל,
ווי צירקל־באַרעכנונג פון קלײנסט ראַקעט־שרײפל.

מוטיקער אַצינד אין מאָסקווע אַ מענשן־קינד,
וואָס זעצט זיך אַנידער אַ לוח איבערשרײבן,
ווי יענער העלד, וואָס זעצט זיך אַרײן אין ספוטניק,
הויך צו דער לבנה זיך אַרויפצוהײבן.

הינט און מאָלפּעס פליען שוין צום הימלען אַצינד!
אָבער כל־נדרידיק אין שול אַרײן שפּרײזן — — —
מיט קדושה וועט מען אַזאַ לוח־הקדוש,
אין אַ מאָסקאָווער מוזעאום אַמאָל ווײזן.

## יום - הקדוש

...אַ ייִד לאָזט שטײן דעם אויטאָ אין אַן אונטער־געסל,
יום־כיפור אויף דער נאַכט, אין דער כל־נדרי־שעה,
גיט זיך אַ קלאַפּ אין האַרצן אַרײן: כ׳בין דאָס און דאָס,
אָבער מיט אַלע ייִדן אין שול כ׳שטײ איצט דאָ.

עפענען זיך אויף אין הימל די שערי־הרחמים,
און מיט טרערן פולן זיך די אויגן פון גאָט,
און מיט אַלע ייִדן איז כביכול מתפלל,
דאָ אין שול: „מי כעמך ישראל גוי אחד“.

ווי וווּנדערלעך, ווי געוואַלטיק, ווי אין־סופיק גרויס,
גאָט, אין אַלע גלותן מיט אונדז מיט צוגײן!
און פול מיט הכנעה, ענוותדיג פאַרשוויגן,
פאַרגליווערט אין שול־ווינקל ווו, פאַרגאָט כ׳בלײב שטײן.

## צום בוך „ווײטשעפּל“

### יונ״א - נוראים - טעג

„אין לאָנדאָן איז דאָ אַזאַ סקווער“

יענע זאַגערקע אין שול אין צעלעכצטן פּאַס,
די ווײבער שאָקלען מיט די קעפּ און הערן אויס,
זיצט ער אויף גאָרטן־באַנק ס׳רעדל אַרום אים איז גרויס
און לעזט די צײטונג פאָר מיט אַלט־פאַרלײגטן באַס.

וואָס עס טוט זיך נישט אַלץ אויף דער וועלט — אַ שפּאַס!
און אין די אַלטע קעפּ — אין טעפּ ס׳מישט זיך אַלץ אויס:



ס׳כרושטשעוו׳ט איבער וואָלקן־קראַצער און ס׳אײק׳ט אַ מויז!
„וואָס געשען ס׳קאָן אין אײן רגע, חלילה־וחס“,

רײסט זיך שווער אַרויס אַ טיפער זיפץ בײ אײנעם —
אָט וועט ער זיך ווי אין ווײבער־שול צעווײנען,
און מיט אַ וויץ ענטפערט אַ צווײטער דעראויף:

„מיר וועלן דאָך צומאָל נישט הערן דעם קנאַל,
ווען דאָס באָמבעלע וועט טון טוען אַ פאַל“...
דאָס רעדל דערשראָקן רוקט זיך ענגער צונויף.

## אַ רביש פּאָרטרעט

אײנגעבעט אַ קאַרפּיער אתרוג אין וואַטן,
מיט אַלע זײנע בליטות אײנגעוויקלט ווײך,
נישט צו פאַרלירן זײן פײן שמעקנדיקן ריח,
קײן ווינטל, קײן בײז אויג, חלילה, נישט שאַטן;

טראָגט ער זיך אַזוי־אַ פון טאַטן צו טאַטן,
אויף קאָפּ שטאָלץ די קרוין פון ריזשענער קעניגרײך;
ענוותדיק־געוויקלט גאוהדיקע הײך,
אין טשערנאָבלער זײדנס זײדענע כאַלאַטן.

און ווען ער גײט איז דער טראָט אַזוי ווײך פאַרטראַכט,
(און ווען אפילו קונציק בלויז גוט נאָכגעמאַכט!)
ווי אין טאַלנערס לאַטשן ער וואָלט געטראָטן —

עפּעס אַזוינס־אָ טראָגט זיך נאָך פון דור צו דור,
אונטער אַש אַ פונקל פון יענעם יהי אור — —
אַז צומאָל דאָ נישט געוואָרן גאַנץ פאַרשאָטן —

## צום אויפהענגען פון זײן בילד אין טעיט-גאַלעריע

אַז ווו אויב נישט אין וועלס צווישן די קוילן מײנער,
ווי אין דער הײם דו האָסט דיך אויפסנײ געפונען?
זיך באַווײזן דאָ, שוואַרץ אין שוואַרץ, שווײס צערונען,
פון עמוד־הענן־וואָלקן דער טאַטע דײנער.

האַמער שווער אין האַנט, טשוועקעס צווישן ווײס פון צײנער,
איבער קענזשער־קאָפּ שכינה ווי טויזנט זונען;
פון געשפּאַנטער פּעך־דראַטווע אַראָפּגעשפּונען,
כתונת־פּסים, פורפורנעם — בן זקונים זײנער.

איז עס דײן טאַטע, מיט האַמער אויף האַרטע זוילן,
מיט לאָמפּ אויף קאָפּ האַקט ער קוביק — שטיקער קוילן?
דראַטוועס געדרײטע דײנע שטריכן אָנגעצויגן!

גרויל אין גרוי גאָטס גלאָריע גליט גלאַנציק אָנגעצונדן!
בלויז ווו איז שכינהדיק דיין „בלאָ אין ראָז" פאַרשווונדן?
פאַרקוילט, רויך־פאַרקנוילט דאָס טליען אין דיינע אויגן.

## די טעמז

(„ותשליך במצולות ים כל חטאתם)

תמיד, ווען פון דער טעיט־גאַלעריע איך קום אַרויס,
מיט אויגן פאַרגאָסענע מיט חלום און בילד,
איז זי דאָס דערפרישטע אין מיין פערחלשטן בליק —
פאַרבליפט־געפינקל מחיהדיק מיך אָנפילט!

אין דער ערשטער רגע כ'וויל דערקענען פון וועמען,
מיך דערמאָנען דאָס יאָרהונדערט, דעם נאָמען, ווער?
פאַרחלומט־פאַרבליפט איך שטיי, יעדן ניואַנס כ'זאַפּ איין —
אַליין אַ „וואַסער־קאָלירל", אַ „„וואַלער" כ'ווער.

ווי עס רינען די פאַרבן איינס אינם אַנדערן,
ס'מישט זיך אַזוי לויטער־קלאָר קאָליר אין קאָליר;
פלעכל־פעלטל, פלעקל־פינטל, מינדסט פינזל־שפריצל
מיט צאַרטן־ציטער איבער גאַנצן גוף איך שפיר.

ווי וווּנדערלעך־באַוועגלעך ווייטן זיך די ווינקלען,
וויסט־געוויג, ווי אויסגעוויגן פון וועל צו וועל — —
און כ'וויים, דערקענט: „כי מעולם ועד העולם" —
דער באַשעפער! און פול הכנעה כ'שטיי אויף שוועל.

י. ריכטיגער

## יידישע פילאזאפיע און טראדיציע

### די צוויי טעג ראש השנה

אין דער אלטער צייט, ווען ביים פאלק ישראל איז נאך ניט געווען קיין פעסטגעשטעלטער קאלענדאר און מען האט אפילו ניט געוווסט ווי לאנג א לבנה חדש איז, האט דער הויפט בית דין באשטימט דעם אנפאנג פון יעדן חדש. אז צוויי עדות זענען געקומען צום בית דין און געזאגט, מיר האבן געזען די נייע לבנה, האט דער בית דין געמאכט דעם טעג ראש חדש און מיט פייער פלאקערס אויף די בערג געלאזט וויסן צו די ישראלים אומעטום, אז פון היינט זאלן זיי אנהייבן ציילן די טעג צום קומענדיקן יום טוב פון דעם חדש. און ווען דער בית דין האט געזען ביים סוף פון צוועלפטן חדש אז עס איז נאך ניט דער אנפאנג פון פרילינג, האט ער צוגעגעבן א דרייצענטן חדש צום יאר כדי פסח זאל געפייערט ווערן אין פרילינג, אזוי ווי תורת משה האט געבאטן.

ווען שאול איז געווארן דער ערשטער מלך איבערן פאלק ישראל האט



מען אנגעהויבן צו רעפארמירן דעם אלטן סיסטעם און איינגעפירט צו מאכן צוויי טעג ראש חדש. דאס ווייזט זיך ארויס פון ספר שמואל, — דוד איז אנטלאפן פון שמואלס נביאים ישיבה אין נוית ברמה, ווייל ער האט מורא געהאט אז שאול וועט אים דערהרגענען, און איז געגאנגען צו זיין פריינד, דעם קרוין פרינץ יונתן, כדי צו באקלאגן זיך אויף די אומרעכט פון זיין פאטער. יונתן האט אבער ניט געוואלט גלייבן דוד'ן אז זיין פאָטער איז געקומען צו שמואל אים אומצוברענגען. האט דוד געזאגט צו יונתן — „מארגן איז ראש חדש, ווען איך דארף זיין ביים מלך צום עסן, דערלויב מיר זיך צו באהאלטן ביז איבערמארגן, און אז דיין פאטער וועט דיך פרעגן ווו איך בין, זאלסטו אים ענטפערן, דוד האט מיך געבעטן איך זאל אים לאזן גיין צו זיין משפחה אין בית לחם אויף א פאמיליע יום טוב. וועט דיין פאטער זאגן, גוט־זאל זיין פרידן צו אים, ביסטו גערעכט וועט ער אבער ווערן אין כעס אויף דיר ווייל דו האסט מיר דערלויבט אוועק צו גיין, וועסטו וויסן אז ער איז אויסן מיר צו טוען שלעכט... דעם ערשטן טאג ראש חדש האט שאול ניט געפרעגט, ווו דוד איז, נאר דעם צווייטן טאג ראש חדש, און ווען ער האט געהערט פון יונתן, אז דוד איז געגאנגען קיין בית לחם צו זיין משפחה, איז ער אזוי געווארן אין כעס אז ער האט אים געוואלט דערשטעכן". (שמואל־א. כ')

די סיבה איינצופירן צוויי טעג ראש חדש זאל האבן געווען דאס וואס אין דער נביאים ישיבה פון שמואל הרמתי האט מען דעמאלט געהאט פעסטגעשטעלט, אז די לענג פון יעדן לבנה חדש איז, ניין און צוואנציק מעת לעת צוועלף שעה מיט פיר און פירציק מינוטן. (ספר הכוזרי מאמר ד' — כ"ט) אזוי ווי לויט דער בארעכענונג האט יעדער דרייסיקסטער מעת לעת אין זיך קנאפע צוועלף שעה פון נייעם חדש, האבן זיי באשלאסן אנצורופן דעם דרייסיקסטן מעת לעת ראש חדש. אבער מחמת די טראדיציע איז געווען צו ציילן דעם נייעם חדש פון דעם מעת לעת ווען מען האט געזען די נייע לבנה, און די נייע לבנה איז ערשט מעגלעך געווען צו זען צוועלף שעה נאכן סוף פון פארגאנגענעם חדש, (ראש השנה פ"ב, מ"ה) האבן זיי דעם דרייסיקסטן מעת לעת אדער דעם ערשטן טאג ראש חדש בייגעציילט צום אלטן חדש און דער פאלגענדער מעת לעת איז געווארן ראש חדש: דער ערשטער טאג פון נייעם חדש. אזוי איז געבליבן ביזן היינטיקן טאג ראש חדש צום נייעם חדש.

דערפון איז צו זען דעם היסטארישן אמת פון דער מסורה אין תלמוד, אז די נביאים ישיבה פון שמואל הרמתי האט דעמאלט איינגעפירט צו פייערן צוויי טעג ראש השנה. (ירושלמי עירובין פ"ג הי"א) מיטן מאכן צוויי טעג ראש חדש, האבן יעדע צוויי חדשים געציילט ניין און פופציק מעת לעת. אבער צום סוף פון צוועלף חדשים זענען איבערגעבליבן אכט שעה אכט און פירציק מינוטן, פון די פיר און פירציק מינוטן — מחמת יעדער חדש האט דאך געציילט ניין און צוואנציק מעת לעת צוועלףשעה פיר און פירציק מינוטן, איז דערפאר, וואס יעדער דרייסיקסטער מעת לעת פון חדש אלול האט געהאט פון אלטן יאר אכט שעה מיט אכט און פירציק מינוטן און פון נייעם יאר פופצן שעה

מיט צוועלף מינוטן, איינמאל אין דרייאר אויסגעקומען צו מאכן אנפאנג תשרי צוויי טעג ראש חדש און במילא אויך צוויי טעג ראש השנה, כדי די איבערגעבליבענע שעה'ן זאלן ניט מיט דער צייט ווערן חדשים און אוועקרוקן די יום טובים פון זייערע סעזאנען. עס איז אויך אנצונעמען אז ירבעם בן נבט האט אפגעווארפן דעם תיקון פון צוויי טעג ראש השנה, וואס איז לערך אכציק יאר פאר אים פארפאסט געווארן אין דער נביאים ישיבה פון שמואל הרמתי, און האט געפייערט סוכות א חדש שפעטער, ווייל דער אכטער חדש פון מלכות יהודה איז לויט זיין רעכענונג געווען דער זיבעטער. (מלכים־א. י"ב)

די תקנה פון די ערשטע נביאים צו פייערן צוויי טעג ראש השנה האט אנגעהאלטן ביז די יידן זענען צוריקגעקומען פון גלות בבל. נחמיה דערציילט: די יידן האבן זיך פארזאמעלט, כדי צו הערן פארליינען די תורה, דעם ערשטן און דעם צווייטן טאג פון זיבעטן חדש, (נחמיה ח', רש"י) און דאס איז געווען דער לעצטער מאל. ר' חנינא זאגט נאך אין נאמען פון רב — „פון עזרא'ס צייט און ווייטער געפינט מען ניט אז דער חדש אלול איז געווען מעובר": מען זאל האבן געפייערט צוויי טעג ראש השנה. (ביצה ו' רש"י) און פון אן עלטערן רעקארד קאן מען דרינגען, אז אין דער צייט פון צווייטן בית המקדש האט מען אויך אין חוץ לארץ געפייערט יעדן יום טוב איינגעשלאסן ראש השנה בלויז איין טאג. פילון היהודי, וואס האט געוווינט אין מצרים, שרייבט: שבת, ראש השנה, יום כפור און שבועות זענען איין טאג, פסח און סוכות זיבן טעג. („חיי משה" סוף, זעט אויך במדבר רבה פי"ד־כ"ד) אמת עס איז פאראנען א משנה, אז אין אנהייב האט מען אויפגענומען עדות החדש א גאנצן טאג, איינמאל האבן די עדות פארשפעטיקט האט מען געמיינט אז מארגן איז ראש השנה, ניט היינט, און די לוים האבן צו מנחה געזונגען דעם וואכענדיקן שיר, האט מען מתקן געווען אז מען זאל אויפנעמען עדות ביז מנחה און אז זיי קומען נאך מנחה זאל מען מאכן „היום קודש ומחר קודש": צוויי טעג ראש השנה. (ראש השנה פ"ד מ"ד) פאקטיש האבן די עדות בלויז דעם איינציקן מאל פארשפעטיקט, וואס ווייזט זיך ארויס פון דער פלוגתא אין אושא וועגן סדר פון די תפלות, ר' חסדא פירט אויס אז דער ווארט „שני" מיינט ניט דער צווייטער טאג ראש השנה, נאר ראש השנה פון קומענדיקן יאר, ווייל די חכמים האבן מסכים געווען מיט ר' חנינה, אז זינט עזרא האט מען געפייערט איין טאג ראש השנה, מסתמא איז געווארן בייגעגעבן צו אן אנדערן חדש א מעת לעת כדי עס זאל ניט איבערבלייבן קיין שעה'ן נאכן ניין און צוואנציקסטן מעת לעת פון אלול. (ראש השנה ל"ב)

דערפון איז אויך צו זען, אז ניט אליין אין דער צייט פון צווייטן בית המקדש נאר אפילו נאכן חורבן האט מען סאי אין ארץ ישראל און סאי אין חוץ לארץ געפייערט איין טאג יום טוב און איין טאג ראש השנה, הגם מען האט געמאכט צוויי טעג ראש חדש. אבער ארום הונדערט און פופציק יאר נאכן חורבן האבן די חכמים געמוזט פארענדערן דעם סיסטעם ווען דער ווייטער ציטירטער געשעעניש. אין א משנה ווערט איבערגעגעבן: „צו ערשט האט



סיגנאלירט מיט פייער פלאקערס", (אז דער בית דין האט געמאכט ראש חדש דעם דרייסיקסטן מעת לעת זענען אין אווענט געווארן אנגעצינדן פייערן אויף די בערג כדי צו סיגנאלירן צו די יידישע קיבוצים אומעטום אז פון היינט דארף מען ציילן די טעג צום קומענדיקן יום טוב, און ווען מען האט ניט געגעבן די ליכט סיגנאלן איז געווען א סימן אז מארגן, דער איין און דרייסיקסטער, וועט זיין ראש חדש) „איינמאל האבן די כותים געגעבן פאלשע סיגנאלן", (דער בית דין האט ניט סיגנאלירט, ווייל ראש חדש איז געווען דער איין און דרייסיקסטער, האבן די כותים דאס געטוען כדי צו פארפירן די יידן אין חוץ לארץ) „האט מען מתקן געווען אז מען זאל שיקן שלוחים צו די יידישע קיבוצים". (ראש השנה פ"ב מ"ב) אבער די ליכט סיגנאלן האט מען דעם זעלבן אווענט אומעטום געזען און די שלוחים האבן ניט געקאנט דערגרייכן די ווייטע יידישע קיבוצים פאר יום טוב, האט מען „מפני ספיקא דיומא": ווייל א טייל יידישע קיבוצים האבן ניט געוווסט צו זיי זאלן אנהייבן ציילן די טעג צום קומענדיקן יום טוב פון דרייסיקסטן אדער פון איין און דרייסיקסטן, געמוזט איינפירן צו פייערן אין חוץ לארץ אלע יום טובים צוויי טעג.

לויט א מסורה אין תלמוד האט דער סאבאטאזש פון די כותים פאסירט אין דער צייט פון רבי, — „רבי ביטל את המשואות": רבי האט אפגעשאפט די ליכט סיגנאלן און איינגעפירט צו שיקן שלוחים. (ירושלמי ראש השנה פ"ב ה"א) אבער מחמת דעם, וואס וועגן שיקן שלוחים האט מען אין אלע יידישע קיבוצים געמוזט פייערן א „יום טוב שני של גליות", איז רבי געקומען אין א שארפן קאנפליקט מיט די חכמים פון בבל. די חכמים פון בבל האבן געהאלטן אז זיי זענען, ווי דער בית דין אין ארץ ישראל, באהאוונט אין דעם „סוד העיבור": וויסן צו באשטימען ווען עס זאל זיין ראש חדש אדער ווען מען דארף בייגעבן א חדש צום יאר. זיי האבן דעריבער, ווי עס ווערט דערציילט אין די תלמודים, געוואלט אראפוווארפן פון זיך די העגעמאניע פון ארץ ישראלדיקן בית דין: „חנניה, א ברודערנזון פון רבי יהושע, האט אנגעהויבן „מעבר שנים" און „קובע חדשים" זיין אין בבל, האט רבי געשיקט צו אים צוויי תלמידי חכמים, רבי יצחק און רבי נתן, (לויטן תלמוד ירושלמי) אדער רבי יוסי בן כיפר און אן אייניקל פון זכריה בן קבוטל, (לויטן תלמוד בבלי) מיט אן התראה אז דער בית דין אין ארץ ישראל וועט אים לייגן אין חרם אריין, ווייל מען טאר ניט מאכן עיבור יארן אדער באשטימען ראשי חדשים אין חוץ לארץ. חנניה האט געטענהט אז ער איז ניט דער ערשטער — רבי עקיבא האט עס שוין געטוען פאר אים, (יבמות פט"ז מ"ז, „אמר רבי עקיבא כשירדתי לנהרדעא לעבר השנה") האבן זיי אים געענטפערט — רבי עקיבא האט קיינעם ניט אזוי גרויס ווי ער איז געווען איבערגעלאזט אין ארץ ישראל... און ערשט ווען רבי יהודה בן בתירה פון נציבין האט געזאגט צו חנניה אז רבי איז גערעכט איז דער קאנפליקט געווארן פארענדיקט. (ירושלמי נדרים פ"ו הי"ג, סנהדרין פ"א ה"ג און בבלי ברכות ס"ג)

אין דעם קאנפליקט איז אויך געווען פארמישט מר שמואל, רבי'ס תלמיד,

וואס האט געזאגט: „די באנען פון די שטערן אין הימעל זענען מיר אזוי קלאר ווי די וועגן פון נהרדעא". (ברכות נ"ח) ער זאל האבן געווען דער אסטראנאמי־שער עצה געבער פון חנניה, און דערפאר האט רבי אים ניט געוואלט געבן קיין היתר הוראה. איין איינציק מאל געפינט זיך אין די תלמודים ביי זיין נאמען דער טערמין „ירחינאה": דער חדשים מאכער און מיט דעם ביינאמען האט ער זיך זעלבסט אנגערופן, — ווען ער האט געהיילט רבי'ן האט ער צו אים געזאגט: „איך האב געזען אין ספר פון אדם הראשון אז שמואל ירחינאה וועט מען אנרופן חכים, ניט רב, און ער וועט רבי'ן היילן". (בבא מציעא פ"ה) כדי אין א סאטירישן אופן אנצוטייטן, אז ווייל ער איז געווען דער חדשים אויס־רעכענער פון חנניה האט רבי זיך נוקם געווען און אים ניט געגעבן קיין סמי־כות. שפעטער האט מען אפילו געזאגט אז שמואל איז געשטראפט געווארן פאר די זינד — זיינע טעכטער זענען געשטארבן יונגערהייט ווייל ער האט געהאלפן חנניה'ן פעסטשטעלן כי ראשי חדשים און עיבור יארן אין חוץ לארץ. (ירושלמי כתובות פ"ב ה"ו).

פאקטיש האבן די בבלשע חכמים אפגעווארפן די מיינונג פון רבי'ס בית דין אז עס איז פארבאטן פעסטצושטעלן ראשי חדשים און עיבור יררן אין חוץ לארץ, זיי האבן איינגעשטימט ניט צו טוען דאס און צו פייערן צוויי טעג יעדן יום טוב, ווייל מען האט זיי געדראעט מיטן חרם, א באווייז איז, וואס די הלכה „אין מעברין אותה בחוץ לארץ" געפינט זיך אליין אין תלמוד ירושלמי, ניט אין תלמוד בבלי. מחמת וועגן דעם איינפירן צו שיקן שלוחים האט מען אין חוץ לארץ ניט געמעגט ארבעטן צוויי טעג יעדן יום טוב, האבן די חכמים פון בבל געהאלטן אז זיי זענען בארעכטיקט פעסטצושטעלן די ראשי חדשים אין עיבוד יארן אין חוץ לארץ, כדי מען זאל בלויז דארפן רוען איין טאג יום טוב אזוי ווי מען רועט אין ארץ ישראל. זיי האבן אויך געהאט אן אלטן מינהג צו אונטער־שטיצן זייער מאטיוו — אין דער צייטפונדי ליכט — סיגנאלן האט מען נאר סיגנאלירט דעם אווענט נאכן דרייסיקסטן טאג, ווען דער חדש איז געווען ניין און צוואנציק מעת לעת, און ניט דעם אווענט נאכן איין און דרייסיסטן טאג, ווען דער חדש האט געציילט דרייסיק מעת לעת, „משום ביטול מלאכה לעם שני ימים": כדי די יידישע קיבוצים אין חוץ לארץ זאלן ניט מוזן יעדן ראש השנה רוען צוויי טעג, טאמער וועט מען זען ליכט סיגנאלן פון ארץ ישראל דעם אווענט נאכן איין און דרייסיקסטן טאג. (ראש השנה כ"ג, רש"י)

רבי און זיין בית דין האבן אבער געוואלט אז דער לעבן אין ארץ ישראל זאל זיין פראפיטלעכער ווי דער לעבן אין די גלות לענדער, כדי די יידן פון ארץ ישראל זאלן זיך ניט באזעצן אין חוץ לארץ און די יידן פון חוץ זאלן צוריק קומען אין זייער לאנד, האבן זיי פארבאטן די חכמים אין חוץ לארץ פעסטצו־שטעלן ראשי חדשים און עיבור יארן און געצוואונגען זיי צו רוען צוויי טעג יעדן יום טוב, ווי מען זעט דאס פון דעם ווייטער ציטירטן מאמר. די כנסת ישראל באקלאגט זיך — „בני אמי נחרו — בי שמנו נטרה את הכרמים כרמי שלי לא נטרתי": די זין פון מיין מוטער האבן געצערנט אויף מיר, מיך געמאכט



היטן צוויי טעג יום טוב אין חוץ לארץ, ווייל איך האב ניט געוואלט היטן איין טאג אין ארץ ישראל. האט זיי ר' יוחנן צוגערופן דעם פסוק, (יחזקאל כ') ווייל מיינע משפטים האבן זיי ניט געטוען און מיינע חוקים — חגים (לויט שמות רבה פרשה ט"ו־כ"ה) האבן זיי פאראכטעט... האב איך אויך זיי געגעבן משפטים ניט גוטע און חגים ניט צו קאנען לעבן דורך זיי. (ירושלמי עירובין פ"ג הי"א)

די יידן פון חוץ לארץ האבן אויף זיך גענומען די שטראף, צו רוען צוויי טעג יעדן יום טוב, אזוי לאנג ווי מען האט געשיקט שלוחים פון ארץ ישראל אבער לערך הונדערט און פופציק יאר נאך רבי זענען אין דער רוימישער אימפעריע די ערשטע קריסטליכע מלכים געקומען צו דער מאכט און האבן ארויסגעגעבן נייע גזירות אויף די יידן אין ארץ ישראל, איינע פון די גזירות איז געווען, זיי זאלן ניט פעסטשטעלן ראשי חדשים אדער עיבור יארן, ווי עס ווערט איבערגעגעבן אין דעם בריוו וואס מען האט דעמאלט געשריבן צו רבא, דעם מנהיג פון בבלשן יידענטום — „שלוחים זענען געקומען פון טבריה האט מען זיי געכאפט ביי דער גרעניץ און אדאנק דעם וואס זיי האבן געוויזן אז זיי זענען הענדלער פון תכלת האט מען זיי פריי געלאזט. זיי האבן דערציילט, אז דער בית דין אין ארץ ישראל האט געוואלט בייגעבן אן אדר שני צום יאר זענען זיי געשטערט געווארן פון די רוימער. אבער די חכמים האבן זיך אין געהיים פארזאמעלט און באשטימט אז מען זאל בייגעבן צום יאר א צווייטן חדש אב". (סנהדרין י"ב) מורא האבענדיק אז די גזירה וועט פירן דערצו, דאס יידישע פאלק זאל ניט וויסן ווען צו פייערן די יום טובים האט דעמאלט הלל השני, אן אוראייניקעל פון רבי, אפגעשאפט דאס פעסטשטעלן פון ראשי חדשים אדער עיבור יארן אין ארץ ישראל און במילא אויך דאס שיקן פון שלוחים. אנ־שטאט דעם האט ער מיט דער הילף פון זיין בית דין פארפאסט א לוח אויף אייביק, כדי יעדער ייד זאל וויסן ווען עס וועט זיין ראש חדש אדער אנדערע ימים טובים. (ספר יוחסין השלם מאמר שני „הלל")

פארשטייט זיך, ווען דער לוח איז פארשפרייט געווארן אין די יידישע קיבוצים און יעדער ייד אין דער דיאספארע האט געקאנט זען ווען יעדער ראש חדש אדער יום טוב וועט אויספאלן אין משך פון זיין לעבן, איז ווידער די פראגע פון פייערן אין גלות יעדן יום טוב צוויי טעג געווארן אקטועל. האט ר' יוסי, איינער פון הלל השני'ס בית דין געשריבן צו די חכמים אין בבל — „הגם מיר האבן אייך געשיקט דעם סדר המועדות, דאך זאלט איר ניט פאר־ענדערן דעם מינהג פון אייערע עלטערן", צו האלטן די „שני ימים טובים של גליות". (ירושלמי עירובין פ"ג הי"א זעט אויך בבלי ביצה ד') ווייל זיי זענען א שטראף פאר די יידן וואס וווינען אין חוץ לארץ, ניט „משום ספיקא דיומא". ווי ר' זירא, האט דערקלערט — די „שני ימים טובים של גליות" זענען א „חק קבוע": א געזעץ אויף אייביק, איינגעשטעלט פון רבי פאר די יידן אין חוץ לארץ ניט קוקענדיק צו זיי זענען אזעלכע געלערנטע ווי חנניה און מר שמואל, וואס קאנען אויסרעכענען די ראשי חדשים און עיבור יארן,

אדער פשוטע יידן וואס האבן א קאלענדאר פארפאסט פון די אויטאריטעטן אין ארץ ישראל. (ביצה ד׳, רש״י)

ארום ניין הונדערט יאר, פון רבי יהודה הנשיא — רבי, ביז רבינו יצחק אלפסי־רי״ף, איז ניט פארגעקומען קיין שום פארענדערונג אין דעם סדר פון די יום טובים, אין ארץ ישראל האט מען געפייערט איין טאג יעדן יום טוב און אין די גלות לענדער האט מען געפייערט צוויי טעג יעדן יום טוב אזוי ווי דער בית דין פון רבי האט באפוילן ביים אנהייבן שיקן שלוחים. דער רי״ף איז אבער געקומען צו דער מסקנא, אז על פי הלכה מוז מען אין ארץ ישראל פייערן ראש השנה צוויי טעג. דער אויספיר פון רי״ף איז געבויעט אויף דער הנחה, אז לויט רבא האט מען נאך דער מעשה מיט די עדות החדש, וואס זענען געקומען נאך מנחה און די לוים האבן געזונגען דעם וואכענדיקן שיר, (ראש השנה פ״ד מ״ד) איינגעפירט צו פייערן אומעטום צוויי טעג ראש השנה, אחוץ אין הויז פון בית דין. און דאס וואס רבי יוחנן בן זכאי האט מתקן געווען נאכן חורבן אז מען זאל אננעמען די עדות החדש אויך נאך מנחה איז דער תיקון נאר געווען, ווען אפילו די עדות זענען געקומען נאך מנחה זאל מען ציילן דעם חדש תשרי פון ערשטן טאג ראש השנה, ניט אפצושאפן די פייערונג פון די צוויי טעג ראש השנה. (ריף ביצה פ״א ה״ג) און פון כיל׳ס אויספיר איז אנטשטאנען א חילוקי דעות, צו מען האט אין משך פון דער צייט צווישן רבי און הלל השני געפייערט אין ארץ ישראל צוויי טעג ראש השנה?

דער רמב״ם האלט, אז אין א טייל פון ארץ ישראל האט מען געפייערט צוויי טעג ראש השנה, ער זאגט: „אין דער צייט ווען מען האט פעסטגעשטעלט די חדשים על פי הראייה, האט דער רוב פון די בני ארץ ישראל געמאכט צוויי טעג ראש השנה משום ספיקא דיומא, ווייל די שלוחים זענען ניט ארויס־געגאנגען אין יום טוב האט מען, אחוץ אין דער שטאדט וווּ דער בית דין איז געזעסן, ניט געוווּסט וועלכן טאג ער האט באשטימט ראש חדש תשרי. אחוץ דעם, אויב עס האט זיך אמאל געטראפן אז די עדות החדש זענען ערשט געקומען אין אנהויב פון איין און דרייסיקסטן מעת לעת, האט אפילו אין שטאדט פון בית דין געמאכט צוויי טעג ראש השנה, וועגן דעם אלטן תיקון פון „היום קודש ולמחר קודש״. און מחמת דעם וואס דער מינהג איז געווען צו פייערן צוויי טעג ראש השנה אין ארץ ישראל צווישן דער צייט פון רבי און הלל השני האט מען אנגעהאלטן דעם מינהג אויך נאכן פארפאסן פון הלל השני׳ס לוח. (רמב״ם „משנה תורה״ הלכות קדוש החדש פ״ח ה״ז און ח׳)

אבער עס זענען פאראנען היסטארישע רעקארדס וואס זייער עדות זאגן איז אין היפוך צו דער באהויפטונג פון רמב״ם. רש״י דערקלערט אז ווען מען האט פעסטגעשטעלט די ראשי חדשים על פי הראייה — פון רבי ביז הלל השני — איז אפילו אין די גלות לענדער געפייערט געווארן איין טאג ראש השנה, הגם אלע אנדערע ימים טובים זענען געווען צוויי טעג. רש״י טייטשט אויס די משנה „על אלול מפני ראש השנה״: מען האט געשיקט די שלוחים אנהויב חדש אלול, כדי די יידישע קיבוצים אין חוץ לארץ זאלן קאנען אויס־



רעכענען וועלכן טאג עס וועט זיין דער ניין און צוואנציקסטער אין אלול און וויסן צו מאכן דעם דרייסיקסטן טאג ראש השנה, און אזוי ווי דער רוב יארן איז דער חדש אלול ניט געווען מער ווי ניין און צוואנציק טעג, ווי מען זעט דאס פון דעם היסטארישן רעקארד „מימות עזרא ואילך לא מצינו אלול מעובר״, האט מען קיינמאל ניט מער געפייערט ווי איין טאג ראש השנה. (ראש השנה י״ח, רש״י, זעט אויך לחם משנה אויפן רמב״ם הלכות קדוש החדש פ״ג ה״ט).

און דער בעל המאור, אפפרעגענדיק דעם רי״ף, שרייבט: „ווען מען האט מתקן געווען דעם לוח איז גאנץ ארץ ישראל געווארן אזוי ווי די שטאדט פון בית דין און מען האט זיך נוהג געווען צו פייערן איין טאג ראש השנה אזוי ווי די אנדערע יום טובים. און אזוי האט מען זיך געפירט אלע דורות ביז ערשט פאר א קורצער צייט ווען די חכמי פרובנציאה זענען געקומען נאך ארץ ישראל און האבן איינגעפירט די נייעס, צו פייערן צוויי טעג ראש השנה ווי דער רי״ף האט געפסקנט״ און ווייטער שרייבט דער בעל המאור: „מיר גע־פינען אין א שאלה וואס רבינו ניסים גאון האט געפרעגט רבינו האי גאון — פארוואס זאגט אונזער האר, אז די בני ארץ ישראל מאכן צוויי טעג ראש השנה, ווען מיר זען אז זיי פייערן נאר איין טאג״... (המאור הקטן על הרי״ף ביצה ח׳) עס איז דעריבער קלאר צו זען פון די צוויי היסטארישע רעקארדס אז פון עזרא הסופר ביזן קומען פון חכמי פרובנציאה קיין ארץ ישראל (לערך פופצן הונדערט יאר) האט מען אין ארץ ישראל נאר געפייערט איין טאג ראש השנה.

## עלי זילבערג

## און איר פרעגט...

און איר פרעגט,
פארוואס איך טרויער?
פארוואס איך שרייב נאר יאוש לידער!
אז אין הארצן,
כ׳טראג דעם קבר,
פון מיליאנען שוועסטער ברידער.

אז מיין שטעטל,
דארט אין ליטע,
ווּו מיין וויגל איז געשטאנען!
איז פארניכטעט
ביז צום ווארצל,
פון די נאצישע טיראנען.

אז אפילו,
פון בית העולם,
ניט געבליבן איז א צייכן.
און די ערד
איז דארט פארטרונקען
פון קרבנות בלוטיגטייכן.

אז איין איינציק
כ׳בין געבליבן,
פון זעקס שוועסטערן ווי די בלומען,
וועלכע זיינען,
מיט די קינדער,
און די מענער אומגעקומען.

ווען איך טראכט,
פון דעם גרויסן חורבן.
ווערט דאס בלוט אין מיר פארדארבן,
מיט די זעקס
מיליאנען קדושים,
איז מיין פרייד אויך אפגעשטארבן.

חיים וואלדמאן

## העלדן-קדושים

פון ווארשעווער געטא פון גייענדן פייער,
ביז תל אביב זיך געצויגן דער וווּנדער,
די העלדן די זעלבע זיי זענען מיר טייער,
זיי זענען די קדושים פון אונזערע קינדער.

איך קום צו אייך פון ווענד, די שטומע,
וואס זאגן אונז עדות פון שרעקליכען קלעם,
פון שוועסטער און ברידער מיט, א מאמע א פרומע,
וואס זענען געפאלן אויף קדוש השם.

דער פייער וואס האט די קרבנות געברענט,
די נשמות געהייליקט אין די הימלן אריין,
רייסן זיך פון שווארצע פערוויכערטע ווענד,
געלייטערט אין קאמפף געהייליקט פון פיין.

איך זע די גייסטער ווי פייער זיי בלענדן,
מיט וואפן זיי קעמפן וואס וווּנדער בעווייזט,
דערציילט אויף דורות פון העלדעשע לעגענדן,
זיי הייבען דעם מוט שטארקן דעם גייסט.

די גייסטער די זעלבע פון ווארשעווער פייער,
האבן געקעמפט אין היילעגן לאנד,
זיי זענען מיר הייליג זיי זענען מיר טייער,
האבן אונז בעפרייט פון שפאט און פון שאנד.

מ. מינדל.

## די ניינטע אָפּטיילונג פון גיהנום?

י. ל. פּרץ האָט אָנגעשריבן „די אַכטע אָפּטיילונג פון גיהנום“, איך האָב איבערגעלעבט די ניינטע אָפּטיילונג. אין די לעצטע טעג פון מערץ בין איך געגאַנגען אויף אַ פאַרזאַמלונג אין אַרבעטער-רינג, געהאַט פיר איינלאַדונג-פּאָסטקאַרדס צו פיר זיצונגען.

ווי איך בין אַריבער דעם וועג אין קאָמערשל סטריט, איז אָנגעקומען אַ מאָטאָרציקליסט און מיך אומגעוואָרפן, צעברעכנדיק מיר אַ קנעכל. אין אַ צושטאַנד פון באַוואוסטלאָזיקייט האָט מען מיך אָפּגעפירט אין שפּיטאָל אַריין. מען האָט מיר אָנגעטון אַ גיפּס-פּלאַסטער אויפן פוס, אַזוי ווי מען שמידט אין קייטן.

איך בין געלעגן גלייך אויסגעשטרעקט, און מיין קערפּער איז געווען אין וואונדן; מיינע ביינער און ריפּן זענען געווען איינגעבויגן.



די אַטמאָספערע אין שפּיטאָל: ניין אַזייגער ווערט שטיל. די יונגע נערסעס לויפן אַרום ווי שרעטלעך ביינאַכט. אַלע ווײַלע באַווייזט זיך אַן אַנדערע. זיי טוען אָן זייערע קורצע פּעלערינעס מיט רויטער אונטערשלאַק. אין לויפן צעשפּרייטן זיי אַזוי ווי פליגלען. שטיל טרעטן זיי אין זייערע נאַכט-שיך און שושקען אייך צו, „גוד נייט!“ איך ליג אין געהאַקטע וואונדן. איך וויל אַ „באָטל“, נאָר ס'איז נישטאָ ווער עס זאָל זי מיר געבן.

איך דערזע אַ שוואַרצן שאָטן פון אַ פרוי מיט אַ קליינעם נאַכט-לאָמפּ, לויפט פון איין בעט צו אַ צווייטער. בעט איך זי:

— זייט אַזוי גוט און גיט מיר אַ „באָטל“, (אורין-פלאַש).

ענטפערט זי נישט, נאָר אין אַ ווײַלע ברענגט מיר אַן אַנדערע אַ „באָטל“. איך האָב זי שוין נישט געדאַרפט . . .

איך וואַרף זיך אויף אַלע זייטן, דער פּלאַסטער צופּט מיינע נערוון; איך קען נישט זיצן און קען נישט ליגן. דער נאַכט-דאָקטאָר זעט וואָס מיט מיר קומט פאָר, שיקט ער די שוועסטער מיט אַ גלעזל מעדיצין. ווי איך נעם דאָס, ווער איך אַנטשלאָפן אויף אַ ווײַלע. ווען איך כאַפּ זיך אויף, שטיקט מיר אין האַלז און די שווערקייט פון דעם געפּלאַסטערטן פוס, דריקט מיך ביז צום האַרץ.

ביז זעקס אַזייגער איז געווען שטיל, פון זעקס אין דער פרי פאַנגט זיך אָן אַ יאַריד. מען טראָגט צו יעדן טיי, און מען פירט מיט אַ וועגעלע גלעזער וואַסער. מען נעמט צו די טיי, און מען שטעלט אַוועק אַ גלאָז וואַסער ביי יעדן אויפן טישל. דערנאָך ברענגט מען שיסלען צו וואַשן זיך ביים בעט. דערנאָך פאַנגט זיך אָן "ברעקפעסט“. ווייטער וועגעלעך: מען פירט אַרום טיי, „פאָרידזש“ און אַנדערע געריכטן. דאַן הערט זיך דורכן ראַדיאָ אַ געבעט פון אַ גלח, און די נערסעס בוקן זיך, שטייען אויף די קני און זאָגן „ברכה“ עטלעכע מינוטן.

דאַן ווערט אַ טרעוואָגע. מען ברענגט נייע קראַנקע. מען פירט אַרויס אויף אָפּעראַציעס. פּאָרטערס אין ווייסע כאַלאַטן, פּאָרטערס מיט מעשענע קנעפּ, פּאָרטערס אין בלויער אָנטועכץ, פּאָרטערס אין פּריוואַטע קליידער. מען פירט בעטן, שטולן מיט האַלבע קריפּעלס, מיט אויסגעדאַרטע פּנימער, פאַרבאַנדאַזשירט פּנים און הענט, ווי געקומען פון אַ שלאַכט.

אַזוי זענען אַוועק אַן ערך דריי וואָכן.

אַזויווי מיין פוס דאַרף נעמען דריי מאָנאַט צו פאַרהיילן, וויל מען מיך שיקן אַהיים. בעט איך מען זאָל מיך שיקן אין די „קאונטרי“ קיין בענסטעד; דאָרטן קען מען זיין לענגער. דער דאָקטאָר טוט מיר צוליב, און מען שיקט מיך אַוועק קיין בענסטעד.

בענסטעד איז אַ געביידע פאַר אַן ערך פופציק בעטן. דאָרטן האַלטן זיך אויף חולאים אויף „לאַנגע“ קראַנקהייטן. די אַטמאָספערע אין מיין „וואָרד“ איז אַנדערש ווי אין לאָנדאָן, דאָ זענען פינף בעטן אין איין צימער. קראַנקע קומען, קראַנקע גייען אַוועק.

מיין פוס איז ווי אַ שטיק האָלץ אָדער אַ שטיין. איך קען זיך נישט רירן

פון אָרט. מען דאַרף מיך אַרויפנעמען אויפן בעט און אַראָפּנעמען. ביז מען האָט מיר נישט געגעבן אַ שטול, האָב איך זיך נישט געקענט רירן פון אָרט. מיינע וויטיקן ביים וואַרטן מען זאָל מיך קומען „נערסן" גייען מיר אָפּ מיט אַ שוויס. איך פיל איך וועל נישט אויסהאַלטן. איין נערס זאָגט מר, אַז איך זאָל קלינגען, וועט עמיצער קומען מיר העלפן. האָב איך געקלונגען. איז געקומען די שוועסטער, האָב איך איר דערציילט מיינע יסורים. האָט זי געהייסן ברענגען אַן אינוואַלידן־שטול. דערנאָך בין איך געפאָרן מיט אַזאַ שטול; ביז איך האָב זיך צוגעוואוינט איז מיר אָנגעקומען מיט גרויסע צרות.

זיצנדיק אויף דער שטול, האָט דער פלאַסטער מיך געשטאָכן ווי מיט נאָדלען. וואָס איך האָב נישט געטון, האָט נישט געהאָלפן. וויאַזוי איך האָב געקענט זיך קאָנצענטרירן צו ריידן מיט מענטשן, ווייס איך נישט. דערנאָך האָב איך נאָך געהאַט צו טון מיט „וויזיטערס". איז מען נישט געקומען מיך זען, האָב איך זיך געפילט פאַרלאָזן, דערנידעריקט, אָן האָפנונג.

אַזוי האָב איך איבערגעלעבט צען וואָכן אין ווייטאָק ביז מען האָט מיך באַפרייט פון די קייטן. און איצט האָף איך אויף דער דערלייזונג צו קענען שטיין אויף מיינע אייגענע פיס.

די אַטמאָספערע אין בענסטעד איז נישט בעסער ווי אין לאָנדאָן, נאָר אַביסל אַנדערש. די טירן קלאַפּן, אַלע ווײַלע אַ טראַסק מיט דער טיר, אַז די פענסטער טרייסלען זיך. אין דער פרי ווערט אַ יאַריד, מען קומט מיט וועגעלעך טיי, עסנוואַרג, גלעזער וואַסער. און דאָ קומען די „האוועוורס", מען דרייט אָן די עלעקטריציטעט און עס ווערט אַ טומל. מען רוקט די בעטן מיט די טישן, מען פאַרבעט די בעטן, מען ראַמט און מען קערט און מען שפּילט אויפן ראַדיאָ און מען זידלט זיך און מען שרייט און מען לאַרעמט, און די אויסהילף־נערסעס לאַכן. יונגע ציגן, נאַרישע פנימער, דאָרפישע שיקסעס, וואָס קענען נישט גוט לייענען אַ צייטונג אפילו.

איך באַטראַכט דאָס אַלעס. קלער איך, אויב עס איז דאָ אַכט אָפּטיילונגען אין גיהנום, איז דאָס די ניינטע.

* * *

זער ווייניק איז געשריבן געוואָרן וועגן די ליידן פון קראַנקע און די צרות, וואָס מען שטייט אויס פון אייגענע ווייטאָקן און פון די באַדינגונגען אַרום. עס איז אַ פּראָבלעם: נישט אַלע ווילן זיין נערסעס און שוועסטערס און אַרבעטן אין שפּיטאָל. מען מוז דאָס האָבן מיליאָנען. מענטשן ווערן גראַטעוועט, אָבער דאָס אויסהאַלטן איז זער שווער. עס נויטיקן זיך פיל אויסבעסערונגען אין דער אַדמיניסטראַציע פון געזונדהייט.

מיר לעבן אין אַ צייט פון אַ שטענדיקער מלחמה. טויזנטער מענטשן ווערן געטייט און צעמזיקט פון די פליענדיקע טייוולאָנים. נייע איינריכטונגען זענען געמאַכט געוואָרן צום ראַטעווען און היילן די קריפּלס. דאָקטוירים און קראַנקען־שוועסטער גיבן זיך די בעסטע מי צו העלפן פאַרלייכטערן די שמערצן. עס קומט זיי אַ דאַנק פאַר זייער אַרבעט. איניקע פאַרדינען אויך אַ לויב פאַר זייער



איבערגעגעבנקייט בעת אַנדערע זענען נישט פּאַסנד פאַר דער אויפגאַבע...

איך האָף, אַז די פאַרוואַלטונג פון געזונדהייט וועט מיט דער צייט פאַרבעסערן די אויפפּאַסונג אויף יעדן קראַנקן און וועלן אויפטון אַזויפיל פאַרן קראַנקן אין אויפהאַלטן זיין שטימונג אַזוי ווי זיי האָבן פּראָגרעסירט אין וויסנשאַפטלעכע, כירורגישע און נייע און בעסטע מעדיצינישע מעטאָדן צו היילן און געזונט מאַכן ווען מען קען נאָר.

מיין איבערלעבונג איז געווען פול מיט ביטערניש און שמערצן. אַנדערע זענען מער מזלדיק . . . דעריבער רוף איך דאָס אָן „די ניינטע אָפּטיילונג פון גיהנום".

בעסער איז, אַז מען ווייסט נישט פון דעם. און איך ווינטש אַלעמען צו זיין געזונט און נישט האָבן אַזאַ דערפאַרונג ווי איך האָב געהאַט!

## שמואל וואָהייט

## א תפילה

אָ גאט, דערהאלט אין מיר
דעם הייליגן פלאַם,
פון דערהאבענעם שאפן,
עס איז דער באַלזאַם
וואס וועקט מיין האפן.

לאז מיך ניט אויסצאנקן,
אין דעם תהום דעם שווערן,
דערפריש מיין זיין,
כ'זאל דיין געזאנג אין מיר הערן,
דיין גרויסקייט פאַרשטיין.

אה גאט דערהאלט אין מיר,
דעם הייליגן פלאם,
פון ערהאבענעם שאפן:
איך פיל ווי כ'ברעך צוזאַם,
באלד צאנקט אויס מיין האפן.

## דו •

איך זע דיין זיס געזיכט,
שפיגלען זיך אין די ים וועלען,
נימפף פון ווייסן שוים אויפגעטויכט,
מיין געבעט, כ'זאל דיר געפעלן.

געקושט פון די זונענשטראלן,
וואלט איך געוואלט אזא שטראל זיין,
צו קענען קושן דיין געזיכט,
וואס צויבערט מיט אזוי פיל חן.

נימפף פון וועלענרויש אויפגעטויכט,
מיין הערליכער מיין שענסטער טרוים,
קוועלט מיין הארץ מיט פרייד — אזא פרייד,
וואס טובלט אין ווייסן וועלענשוים...

---

• פון דער סעריע שיר השירים לידער.

## פ ר ו ז ד ו ר

געווידמעט מיין חבר נחמן רובין צו זיין זעכציק יאריקן יובל פרוזדור

דורכן טונקלען דורכגאנג,
רייסט זיך אפארלאנג,
צו באררייכן דאס זיין,
מיט א ליכטיק העלען שיין.

לייגסט, כוחות אוועק,
נאך שווערע ארבייטס־טעג,
עפעס צו דערגרייכן,
דאס דא — זיין צו בעררייכן.

באווינדער איך דיין שארקען ווילען,
אויף וועגן וועלכע די טוסט צילן.
נעם מיין ברכה צו,
געבענטש זאל זיין דיין מי,
מיט א טאפעלטער קראפט.
דערפרישט מיט יוגענדס זאַפט.

משה דאמב

# אויף חרובע וועגן

### קאַפיטל דריי

ווען יחיאל איז געקומען צו זיך, איז ער געשטאנען פאראייניזאמט צווישן וואלד און פונאנדערגעטיילטע זאמדיקע פעלד־וועגן. איין וועג האט געפירט צום שטעטל און דער אנדערער וועג, האט זיך פארבענקט געשלענגעלט צווישן לאנקעס און וואלדישע יאלקע־דערנער, מיט טארפישע אויפגעאקערטע גרודעס ביז צו א ריזיקע פיראמידע געל־גאלדיק זאמד און איבערן זאמד האט געפלאסן דאס וואלדישע טייכל און דערנעבן איז געווען דער וואלד. דער קרייצוועג האט געפירט צום דארף צעלין, אווו סע האט געוווינט די רייכע משפחה ריינעס און נאך אנדערע יידישע משפחות. א געדעמפט מארודנע הינטיש בילן האט זיך געהערט פון די דארפישע פארנעפלטע ווייטקייט, קי אויפן פעלד האבן פארבענקט געמעקעט מיט פארגאווערטע מיילער, שקצים האבן געפייפט, געשריגן, געליארעמט, שיקסעט האבן תאווהדיק געקוויטשעט, ווען די פאסטוכער האבן זיי קישענדיק ארומגענומען, געשלעפט צו די געדאכטע געל באבלימעלטע גראזן, מעווס זענען קוויטשענדיק געפלויגן צווישן די לאנקעס און וואלד, פון ווייס־געקאלכטן שאסיי־וועג האט מען געהערט א געבריאזג פון פוירישע פורלאך און פערדישן הירזשען.

יחיאלן האט באהערשט אן אומרויאיקייט, אזוי אז ער האט אזש פארלוירן דאס גלייכגעוויכט פון רעגלמעסיקן קלערן; אין איין סעקונדע האבן זיך אים פארגעשטעלט פארשיעדענע בילדער און געשטאלטן וועגן דעם וואס ער האט



געוואלט קלערן און פאנטאזירן האט זיך עפעס וואס אקעגנגעשטעלט אים און ער האט זיך בשום אופן ניט געקענט קאנצעטרירן. ער האט אפילו אנגעהויבן צו פארגעסן ווי אזוי זיינע אלע באקאנטע זעען אויס, אבער מלכה שאפיראס פנים איז שטענדיק געווען פאר זיינע אויגן. פארדאס האט עס אים געצויגן צום וואלד און צום ארומוואנדערן איבער די וואלדיטע ביימער אפשר וועט ער זי קענען זען און זי וועט אים ניט קענען זען צווישן די געדיכטע וואלד דערנער... ער איז געגאנגען צום וואלד ווי סע וואלט אים ווער אונטערגעזאגט: גיי... וואס שנעלער... קוק דיך אפילו ניט אום... גיי, הערסט!...

ווען יחיאל אין אריין טיפער אין וואלד אריין, האט אן עכא מיט א שרעקקול און ברעכנדיקע צווייגן זיך וואלדיש צעדונערט, אן אונטערגעזעגטער בוים אין וואלד איז פאוואליע אומגעפאלן, דאס האט אין אים אויפגעוועקט א עמאציאנעלן געדאנק: אוי, הלוואי וואלט איך געווען אונטערן בוים... ער זאל מיר צעברעכן אלע קרענגעס, באדאי דערהארגעט צו ווערן... דינה וואלט געוויינט און געשריגן: די מלכהעטשינע האט אים באגראבן... מלכה וואלט געקומען צו דער לוויה, זי וואלט זיך כסדר פארענטפערט פאר די שטעטלדיקע מענטשן: נו, וואס, כהאב אים גאנץ גערן געהאט... ער זאל מיר מוחל זיין דארט... שיעלע גליק, וואלט מיט א ביטערן שמייכל א זאג געטון: וואס ווילט עטץ! מע האט אים ניט געטון קיין שלעכטס חלילה... ער איז ניט קיין שלעכטער יונג געווען ארום און ארום... נו, אלע עט מע שטארבן... סע האט געזען אזוינט?... דווקא פאר די פריקרע געדאנקן האט זיך אים געגלוסט צו לעבן און אלע איבערלעבן און ארויס א זיגער. ער האט געוווסט אז אסך וועגן פירן צו חרבות און אונטערגאנג, אבער ס׳איז דא נאר איין וועג וואס פירט צום זיג און אויפשטייג, דאסאיז, צו פירן א אמת לעבן, זיין ערליך, גוטהארציק, העלפן איינער דעם צווייטן, ניט בלאזן פון זיך און דרך ארץ האבן אפילו פארן קלענסטן ווערימל, אזויווי סע האבן זיך געפירט זיינע עלטער זיידעס און סע פירן זיך זיינע ארימע טאטע מאמע.

מיט די א געדאנקן האט ער זיך פארבלאנדזשעט טיף אין וואלד. ס׳איז אים אזוי גוט געווען אליין צו וואנדערן און קיינער צושטערט ניט זיין זעלבסט געפיל מיט די גאר הויכע געדאנקן וועגן מענטשליכע ברידערליכקייט איבער די גאנצע וועלט, סע האט אים ניט געארט דער קנאכיקער פארווארצלטער וועג וואס פירט צו די מיל מיטן גרויסן טייך, אויף אט דעם וועג זענען געלעגן ארויסשטארטשענדיקע האלאבליעס פון צעבראכענע פוירישע פורלאך, דא און דארט האט מע געזען אונטערגעזעגטע יינגע ביימלאך, ער האט זיך אפגעשטעלט נעבן א פריש אונטערגעזעגטן בוים־פניאק, סע האט פון אים ריטגעווייעט א ווילדער פרישער ריח פון האלציקן זאפט, פרישער פעך, ווי ריטגעווייעט א ווילדער שקעלאך האניק, האט געשפראצט ארום די אויסגעטריקנטע סאסנע־קארע און אויפן פריש צעזעגטן געלבליך־ווייסן אויבער פלאך פון פניאק. ער האט זיך אוועקגעזעצט נעבן אט דעם פניאק און אריינגעקלערט אין אסך פארשיעדענע זאכן און דערביי אונגערנווויליק געציילט די האלץ־קארבן, פונקט די זעלבע

יארן וואס ביי אים, דריי און צוואנציק יאר. א מאדנע זאך, יא, דער מענטש איז אסך ענליך צו א בוים און ער פאלט אסך מאל ווי א בוים.

די וואלדישע קילע אטמאספערע האט אים בארואיקט און געמאכט האפערדיק זיין געמיט. פון ערגעץ טיף אין וואלד האט זיך געהערט א מוראדיק הירזשען פון א פערד, מע האט געהערט דאס עלעגישע שארכן פון די ביימישע שפיצן, סע האבן געקוויטשעט ווילדע פייגל, ווו ניט ווו, איז א בין אדער זשוק אדורכגעפלויגן פאר זיינע אויגן זשומענדיק און סיקענדיק מיט געבייזער, באלד איז אלץ פארשטימט געווארן. אין די ארומיגע שטילקייט האט ער דערהערט פון ווייטנס א מאנאטנעם ניגון, ס׳איז אים געווארן פרייליכער אויפן הארצן און מיט הייטערקייט האט ער זיך א שטעל אויף געגעבן פון נעבן דעם פניאק, מיט פריידיקע שרעק און גיריקן חשד זיך גוט ארומגעקוקט, סע האט אים געצויגן צו די ריכטונג פונוואנען דער ניגון איז געקומען. ווען ער איז געקומען נענטער, האט ער דערהערט די ווערטער פון דעם לידל:

חאטש דער פרימארגן־הימל אין רויט געבליטן,
זענען נאך דא די נאכטישע שטערן, אינדערמיטן
אויפן מזרח יערט די זון, מיט טוי פרישן,
א, דאמאלט קום צו מיר דו, בחור, מירן זיך ליבן, קושן . . .
דו וועסט קוקן צום הימל, ביז די שטערן וועלן פארשווונדן
דערוויל וועל איך מיינע צעפ צו דיין האלדז צובינדן . . .

דאס האט געזינגען, די שיינינקע העל־אויגיקע, מיט וייצן־בלאנדע — האר, פעסעלע, דעם וואלד־שרייבערס טאכטער, יחיאל האט זיך פאמעליך גערוקט צווישן די געדיכטעביימער, ביז ער האט דערזען, ווי פעסעלע ליגט אויסגעצויגן אויפן גרין־געלן מעך און קלויבט רויטע יאגדעס זינגעדיק דערביי, ער האט זי גוט אבסערווירט און זיך געקלערט: ווי ריין און שיין איז זי, אירע צעפ האבן זיך איינצוקוויז צעלאזט אוקדי בלאנדע צעלאזטע האר זענען איר ארונטערגעפאלן איבערן קאלנער פון איר באבלימלט דארפיש קלייד, אירע באקן האבן געהאט א ווארימע פרישע פארב, אויף וועלכע ס׳איז געלעגן א הויך, אזויווי פונם טוי פון פארטאגס. ווען זי האט זיך שלענגעלנדיק געריגרט זוכענדיק יאגדעס האבן זיך אירע הויכע היפטן גאנץ לייכט באוויגן, ווען זי האט געעפנט איר מויל כדי ארייננצוווארפן א האנדפול מיט יאַגדעס, האט ער דערזען אירע שיינע ווייסע ציין. אירע אויגן זענען געווען פייכט־גלאנצנדיק, ארום אירע ליפן איז געווען באשמירט מיט — רויט ווילד שמעקנדיקן יאגדעסזאפט. דאס בלוט האט אין אים א יער געטון, ווי א קארפ אדער שלייען גיט זיך א נורע ארויס פון וואסערדיקן שליימיקן בעט און אויפן אויבערפלאך פון וואסער מאכט זיך אווירבלדיקע פאליע, וואס צעשווימט זיך איבערן טייך, ער איז מיט פארהאקטן אטעם צוגעגאנגען צו פעסעלע און צארט א זאג געטון: פעסעלע! האסט מיך טאקע ניט באמערקט? א דו זינגסט אזוי שיין, האסט גארניט מורא אליין צו זיין אין וואלד?... פעסעלע האט מיט ציטערדיקע פרייד ארויפגעקוקט צו יחיאלן, וואס איז געשטאנען נעבן איר, זי איז פאר־



בלאסט געווארן אויפן פנים און נאכהער זיך שטארק צערויטעלט, האט זי שטאמעלדיק א זאג געגעבן: פאר וועמען זאל איך מורא האבן אז אין וואלד זענען ניט דא קיין מענטשן... ס׳איז מיר דא גוט אליין... אפשר ווילט איר יאגדעס? נעמט פון קייבערל, איר האט אוודאי ליב דעם וואלד צוליב דעם בלאנדזשעט איר דא, כא, כא, כא... האט זיך פעסעלע צעלאכט, יחיאל האט פארשטימט געקוקט אויף איר שיין קינדיש פנים און גארניט געענטפערט, נאר זי האט גערעדט: סארע שטארקע לופט דא איז, ווי ווייך און שמעקנדיק סאיז דער מעך, זיצט, נו, וועט איר זען וואספארא מחיה ס׳איז דא צו ליגן, כא, כא, כא,... לאכענדיק האט זי זיך אווארף געטון מיט תאווה, אזוי אז אירע יונגע הארטע בריסטן האבן אזש א ציטער געטון, ווי צייטיקע אסיען־עפל אויפן שפיץ בוים, וואס בעטן זיך אז מע זאל זיי אפרייסן. יחיאל האט זיך פאוואליע אוועקגעזעצט אויפן מעך, ער האט געשוויגן און כסדר געקוקט אויף פעסלען. זי האט אים ניט חושד געווען אין גאר, נאר זי האט זיך נענטער צו אים צוגעריקט און דערלאנגט רויטע יאגדעס צום מויל און דרך אגב א זאג געטון: חיל, מע זאגט, אז איר פארט מיט דינהטשע ריינעס קיין לאנדאן, אוי, און וואס וועט מלכהלע שאפירא זאגן?... הא?... יחיאל האט זיך ווי אויפגעוועקט פון שלאף און איר געענטפערט: איך האב ליב מיין שטעטל, כוועל עס קיינמאל ניט פארלאזן, פעסעלע האט אים מיט נייגעריקייט איבערהאקט און א פרעג געטון: חיל, זאגט דעם אמת, וועלכעס מיידל געפעלט אממבעסטן אייך אין צעלין און אין פיערזשניצע?...

## א. נ. שטענצל

### די ווערבע

ווי אַזוי אַ ווערבע אזוי וואונדערלעך ברייט,
זיך געקענט צעוואַקסן מיט איר גרין געוויין?
פאַר גאטס וואונדער כ׳בלייב אַ פאַרבליפטער שטיין,
אַ פויגעלע מיין באַוואונדערוועג באַגלייט —

קייגנאיבער אויף עפלבוים עס שטייט,
עס זינגט אַז דאָס האַרץ קאָן איינעם צעגיין:
„ווי איך גיי איין, ווי איך ווער קליין אין מיין פיין,
און דו אַזוי גרויס צעוואַקסן אין דיין לייד“.

מיט טויזנט און איין אויג צעגלאַנצט אַזוי גרין,
קוקט די ווערבע צום פייגעלע אַהין:
„אַז מען קאָן דיליידן פאַרשוויגן אין זיך טראָגן,

וואַקסט מען מיט זיי צוזאַם מ׳ווערט ברייט און גרויס,
מיט טויזנט און איין אויג מיין פיין כ׳וויין אויס,
אָבער אָן אַ וואָרט צו זאָגן פאַר קיינעם נישט צוקלאָגן“.

## געזאנג איבער צייטיקער תבואה

וואָלקנדל שוועבט לייכט איבער שווערע תבואה־זאַנגען
בייגן זיי ענוויתדיק די קעפּלעך איין;
לערכעלע פאַרלוירן אין בלוי־טיפן הימל,
קומט אַלץ ווידער צוריק צו איר סמוטנעם רעפריין.

ווי רחבותדיק דער הימל, פול שפע די ערד,
בלויז ווען גייט אַן קליין פייגעלע גייט איין?
וואָלקנדל אונטער פיסל פלינק אַוועקגערוטשט,
און צווישן הימל און ערד איר הערצל בלייבט שטיין.

ווי שטיל, ס׳הענגט ציטערדיק אויף שוואַכינק פליגעלע,
דער גאַנצער אַרום האַלט קוים נאָך דעם אָטעם איין:
אָט־אָט פאַלט עס פון טיפן הימל אַראָפּ!
עס פאַרשווינט, און נאָך טיפער ווערט איר זיס געוויין.

## אין האבער פעלד

פאַרבייגייענדיק פאַר צייטיקן האָבער פעלד,
אַ חברה גנבים שפּרינגען די פייגל אַרויס,
זיי האָבן געהערט אַ שאָרכן און מיך דערזען —
אפנים טאַקע אַ שטראַשידלע שוין כ׳קוק אויס!

ווי פאַשוויגן ס׳דלוביען צווישן תבואה געווען,
מסתם האָבן זיי אַ שומר אויף בוים דאָ וווּ שטיין,
גיט ער אַ סימן, אַ ווונק, אַ מין פּיפּס אַזאַ,
ווען ער דערזעט אַ מענטשן אָנקומען צוגיין.

פול ווערט הימל מיט זיי, די שפּערל די שוואַלבן,
דאָס געשוועב, די קולי־קולות, און — מיט אַמאָל
אַזאַ זיס געזאַנג, אַז ס׳האַרץ אין דיר שיער צעגייט —
איז ס׳פייגעלע אַזוי קליין, אז מ׳זעט׳ס נישט צומאָל.

## דאס פערד ביים צוים

דאָס פערד מיט די גרויסע קלוגע אויגן,
דעם קאָפּ אַריבערגעוואָרפן איבער צוים,
ניוכעט דער האָבער איז צייטיק שוין צום שניט,
פאַר פרייד אויף זיינע פיס איינשטיין ס׳קאָן נאָך קוים.

די אויערן שטעלט עס אויף שאַרף און שפּיציק,
אַזש ס׳הייבט אים אָן ציטערן אונטערשטע ליפּ;
ס׳גלוסט האַרץ אויסריידן פאַר ווען עס איז,
גיט עס קלוגן אַזאַ הירזשעדיקן כריפּ —



ווי עס האָט זיך דאָס צוגעכאַפּט צום האָבער,
זיי וועלן אים אויסמלויטשען נאָך פאַרן שניט!
ער וויל דאָס זאָגן, נאָר זאָל זיינס איבערגיין,
און מיט פיס אין צוים בייז אַ קאָפּע ער גיט.

## צוויי זומערפייגעלעך

עס יאָגן זיך צוויי זומערפייגעלעך,
די פאַרבן־פרייד אין זייערע פליגל!
אַהין־און־אַהער־שפּיל און ווידער צוריק,
און ווען זיי כאַפּן זיך — דאָס געוויגל!

גאַנצער אַרום שטיל־פאַרשוויגן אַזוי,
עס זאָל זיך טון אַ באַוועג, אַ רירל;
ס׳גיסט זיך אַ מין פרייד איבער גאָרער וועלט,
פאָרב אין פאַרב, קאָלירל אין קאָלירל.

אַן אייביקייט ציטערט זון אין פלאַטער,
אַן אויגנבליק — אונטער זיי דאָס בלימל!
ס׳וואָלט זיך פאַרשעמט גערויטלט, זעט אויס,
קליינינקע וואָלקנדל אויפן הימל.

## דער מולד

עס זעצט זיך די זון אונטערן וועלדל,
און די גאַנצע וועלט פאַרזונקט טיף אין טייכל —
מיט ווייט־געשטרעקטן קאָפּ שוועבט זי אַראָפּ,
ווי פוכיק־ווייך, קוים באַנעצט זיך איר בייכל.

פון די זון איז שוין קיין שפּיר נישט דאָ מער,
פון די גאַנצע וועלט נאָך אַ סך ווינציקער!
אַ קאַטשקע וויגט זיך רואיק אין טייכל,
בייכל צו בייכל, וואָס קאָן שוין זיין גינציקער.

ראַפּטום דערשפּירט זי פון מולד דעם שטראַל,
און זי פליט ווילד אויף, ווי אונטערגעשאָסן!
זע, איבער וועלדל שווימט, ווי לבניש־ווייס,
און פון טייכל — ס׳וואָלט וועלט אַרויסגעפלאָסן.

## אין א רעגן-טאג

פונם נעסטל שטעקט עס אַרויס דאָס קעפּעלע,
נישט ווי אַ יינג מאַמעלע — אַן אַלט באָבעלע,
אַזוי גרוי־צייקנייטשט אַזוי פאַרזאָרגט זעט עס אויס,
און נאָך שפּיציקער דאָס שפּיציקע שנאָבעלע.

אין אַלע זייטן דרייט זי דאָס קעפּעלע,
הייבט אויף אַן אייגעלע צום הימל צום שוואַרצן,
און איין גרויסע כמאַרע פֿינסטער פֿאַר די אויגן,
נישט קיין טשוויטש — אַ זיפֿץ רייסט זיך איר טיף פֿון האַרצן:

ווי עס רעגנט, ווי עס כליאַפּעט, און דער ווינט
און זי זאָל אין נעסטל כאָטש אַ האָבערל האָבן — —
און באַך, מיט איין פֿלינקן פֿלי אויף גאָטס באַראָט,
פֿון אונטער דער ערד עפּעס אַרויסצוגראָבן.

## הרב עמנואל גאָלדסמיט

## די אַנטוויקלונג פֿון דער אַמעריקאַנער יידישער פּאָעזיע

מיט אַ פּאָר יאָר צוריק האָט דער ענגלישער היסטאָריקער אַרנאָלד טאָינבי באַשולדיקט אונדזער יידיש פֿאָלק אין זיין אַ „פֿאָסיל", אַ פֿאַרשטיינערטער איבערבלייב פֿונעם אַלטן סירישן ציוויליזאַציע. טאָינבי האָט ניט געזען קיין יצירה, קיינע שעפֿערישע דערגרייכונגען אין אונדזער געשיכטע זינט די עלטסטע צייטן ווען מיר האָבן אונדזער תּנ"ך תּורם געווען דער וועלט.

יידישע שרייבער און דענקער האָבן זיך באַלד געשטעלט ענטפֿערן טאָינבין און אים געלאָזט וויסן אַז מיר שרעקן זיך גאָרניט פֿאַר זיינע קנאַפּע ידיעות אין אונדזער געשיכטע און ליטעראַטור. איינער פֿון די געלונגענסטע ביכער וואָס איז געשריבן געוואָרן ווי אַן ענטפֿער אויף טאָינביס באַהויפּטונגען איז געווען מאָריס סעמועלס ענגלישן בוך The Professor and the Fossil. סעמועלס בוך איז געלויבט געוואָרן פֿון כמעט אַלע אַמעריקאַנס און ענגלישע קריטיקער. מיט אַ פּאָר יאָר צוריק האָט טאָינבי טאַקע רעווידירט זיין שטעלונג, געביטן זיין מיינונג וועגן יידן און יידישקייט.

איך דערמאָן דאָ מעשה טאָינבי נישט לשם טאָינבי און אויך נישט לשם סעמועל. איך דערמאָן עס דאָ צוליב דעם ענטפֿער וואָס איז אַרויסגעקומען פֿון סעמועלס בוך. און נישט צוליב דעם גאַנצן ענטפֿער סעמועלס, נאָר צוליב איין קאַפּיטל פֿונעם בוך. ווייל צי ווייסט איר וואָס איז געווען סעמועלס באַלדיגער ענטפֿער? צי ווייסט איר מיט וואָס ער האָט באַלד אָפּגעווישט טאָינביס פֿאַרלייענטפֿער? צי ווייסט איר מיט וואָס ער האָט באַלד אָפּגעווישט טאָינביס פֿאַרלייקענונג פֿונעם שעפֿערישן וועג פֿון יידישן פֿאָלק? מיט איין וואָרט. מיט — יידיש! יידיש לשון, יידישע ליטעראַטור, יידישע לעבנס־שטייגער.

יידיש איז דער קרוין פֿון יידישער שעפֿערישקייט דורך די לעצטע טויזנט יאָר פֿון אונדזער געשיכטע. אַ טויט פֿאָלק שאַפֿט נישט אַן אייגן שפּראַך, אַן אייגן ליטעראַטור, אַן אייגן לעבנס־סטיל וואָס לעבט, וואַקסט און באַרייכערט דאָס לעבן פֿון מיליאָנען מענטשן.

און אויב יידיש און די יידישע ליטעראַטור שטעלן פֿאָר אַ קרוין, שטעלט פֿאָר די יידישע דיכטונג, די יידישע פּאָעזיע דאָס שענסטע דימענט אינעם קרוין פֿון דער יידישער שאַפֿונג.

אַמעריקע איז היינט צו טאָג דער צענטער פֿון דער יידישער ליטעראַטור.



ווי לאַנג נאָך דער שבט־המלוכה, דער שטעקן פֿון פֿירערשאַפֿט וועט בלייבן אין די הענט פֿון אַמעריקאַנע יידישע ליטעראַטן איז שווער פֿאָרויסצוזאָגן. עס ווייזן זיך שוין סימנים אַז אין דער צוקונפֿט וועט דער יידישער ליטעראַרישער פֿירערשאַפֿט באַלאַנגען צו די יידישע שרייבער אין ישראל. אָבער דאָס איז שוין אַן אַנדער ענין.

מיין טעמע היינט איז די אַנטוויקלונג פֿון דער אַמעריקאַנער יידישער פּאָעזיע. מיר וועלן כאַפּן אַ בליק אויף די היסטאָרישע פֿאַקטן און אויך איבערלייענען אַ פּאָר ביישפּילן פֿון דער פּאָעזיע גופֿא.

די אַמעריקאַנע יידישע פּרעסע איז געגרינדעט געוואָרן און די זיבעציקער יאָרן פֿונעם נייַנצנטן יאָרהונדערט. די פּרעסע איז אַלעמאָל געווען די חשובֿסטע בינה פֿאַרן אַמעריקאַנעם יידישן וואָרט קינסטלער.

דאָס ערשטע יידישע ליד וואָס איז געשריבן געוואָרן אין אַמעריקע האָט אָנגעשריבן אַ שוחט מיטן נאָמען מאיר ראַבינאָוויטש אין 1871. דערנאָך זענען געקומען די ווערק פֿונעם רב יעקב צבֿי סאָבעל ווי למשל זיין „פּאָלנישער תּלמיד־חכם אין אַמעריקע". אָבער דער אמתער געבורט פֿון דער אַמעריקאַנער יידישער דיכטונג איז פֿאָרגעקומען אין די פֿיפֿציקער יאָרן פֿונעם פֿאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט ווען גרויסע מאַסן מזרח אייראָפּעישע יידן האָבן איינגעוואַנדערט קיין אַמעריקע.

דאַן האָבן זיך געהערט די שטימען פֿון די גרויסע סאָציאַליסטישע און אַנאַרכיסטישע פּאָעטן ווי ווינטשעווסקי, איידלשטאַט, באָווּשאָווער, מאָריס ראָזענפֿעלד און אַנדערע.

שווער איז געווען דעמאָלט דאָס לעבן פֿונעם יידישן אימיגראַנט און די פּאָעטן האָבן גערופֿן צו אַרבעטער אייניקייט, צום קאַמף פֿאַר אַ בעסערן לעבן. אין אַ ליד וועגן די ערשטע אימיגראַנטן וואָס הייסט „מיט יאָרן צוריק" זינגט אַברהם רייזען:

אין שאַפּ האָט געראָוויכערט די פּרעס,
אין שאַפּ האָט די געז־רער געצאַנקט;
געאַרבעט דריי־פֿערטל מעת־לעת,
דעם „באָס" נאָך, דעם בייזן, געדאַנקט.

* * *

אַזוי יעדער טאָג, יעדע נאַכט,
אַזוי האָט געראָנען די טרער;
ביז וואַנען דער שקלאַף האָט דערוואַכט
און הויך אויסגערופֿן: ניט מער!

די מערסטע לידער פֿון סאָציאַלע פּאָעטן זענען געווען סענטימענטאַלע, אָנגעפֿילט מיט זעלבסט־רחמנות. די אומשטענדן אין די שוויץ שעפּער האָבן נישט געלאָזט די פּאָעטן שרייבן יחידישע פּריוואַטע לידער לשם קונסט. אַלע האָבן אויף זיך גענומען די אחריות. צו רופֿן, וועקן, דערמוטיקן צום קאַמף פֿאַר אַרבעטער רעכט און אַרבעטער סאָלידאַריטעט. נישט געווען צייט אויף צו

שרייבן לידער וועגן דער אַלטער היים אָדער וועגן יידישע געשיכטע.

נאָר צוויי פּאָעטן האָבן דאַן געשריבן וועגן יידישע נאַציאָנאַלע טראַדיציעס און וועגן יידישע באַוווּסטזיין און יידישע שטרעבונגען. דאָס זענען געווען די צוויי פּאָעטן יהואש און אברהם ליעסין. די צוויי זענען שוין געווען הויך געבילדעטע מענטשן אין יידישן זין און אין וועלטלעכן זין. זיי האָבן געקענט די אייראָפּעישע ליטעראַטור ווי אויך די נייע יידישע ליטעראַטור וואָס מענדעלע, פּרץ און שלום עליכם האָבן דעמאָלט געשאַפן.

אין אָנהייב פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט באַמערקט זיך אַ טענדענץ פון ריינער קינסטלערישקייט אין דער אמעריקאַנער יידישער פּאָעזיע. די נייע שרייבער וואָס קומען אָן פון רוסלאַנד נאָך 1905 קאָנצענטרירן זיך אויף פּערזענלעכע טעמעס און שרייבן מערסטנס אין אַ לירישן טאָן. זייערע לידער באַרירן ניט סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע טעמעס. די שרייבער זיינען אימפּרעסיאָניסטן און ווילן שילדערן זייערע אייגענע געפילן און זייערע יחידישע שטימונגען. זיי פילן זיך אַליין און פאַרלוירן אין דער גרויסער שטאָט ניו־יאָרק. זיי פילן זיך ווי אויסגעוואָרצלטע בלומען אָן אַ שטיק אייגן באָדן. משה לייב האַלפּערנס ליד Watch Your Step! איז איינע פון די בעסטע ביישפּילן פון דעם סאָרט ליד.

ענלעכע שטימונגען געפינען מיר אין די לידער פונעם גרופּע וואָס הייסט די יונגע און צו וועלכן עס באַלאַנגען אַזעלכע דיכטער ווי זישאַ לאַנדוי, י. ראַלניק, מאַני לייב, ראובן אייזלאַנד, ה. רויזנבלאַט, א. אנד.

צו דער זעלבער צייט ווערט דער אַמעריקאַנער יידישער פּאָעט צוגעווינט צו אַמעריקע — צו איר לאַנדשאַפט, איר געשיכטע, איר ליטעראַטור. ער הייבט אָן ווערן אַ טייל פון אַמעריקע און ער הייבט אָן באַזינגען אַמעריקע. י. י. שוואַרץ שרייבט אָן זיין מייסטערשע פּאָעמע „קענטאַקי“ ווו ער זינגט:

ליב איך די ערד, אויף וועלכער איך טרעט —
פריש איז די ערד און פרוכטבאַר און פעט.
מיידלשע ערד, אַזוי נאָכגיביק, מילד,
קושט מיינע טריט מיט איר גראָז און זי קילט.
הויכט פון איר אינגעווייד עפּל־געשמאַק,
פאָכען די ווינטלעך און גלעטן מיין באַק.
כ׳ווייס, ס׳איז די ערד ניט פאַרהייליקט מיט בלוט —
ס׳ליגט ערגעץ אַנדערש מיין טאַטע און רוט.
אָבער מיין קינד פון איר ערד איז אַ שטיק,
לויכט אין איר ליכט, איז באַגליקט פון איר גליק.

אַמעריקע, אירע שטעט און דערפער, אירע בערג און טאָל הייבן אָן ווערן אַ באַטירלעכער באדן פאַרן יידישן וואָרט, פאַר דעם יידישן ליד. און נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה קומען נייע יידישע שרייבער און נייע לייענער אָן קיין ניו־יאָרק, קיין שיקאַגאָ, קיין דעטראָיט. נייע שטעט און נייע לאַנדשאַפטן ווערן אַ טייל פון דער יידישער ליטעראַטור. אַמעריקאַנע יידישע פּאָעטן ווערן



באַקאַנט מיט די ווערק פון די גרויסע אַמעריקאַנע פּאָעטן ווי פּאָו, וויטמאַן, דיקינסאָן, א. אנד. נייע קלאַנגען, נייע ריטמען, נייע ניגונים באַהעפטן זיך מיט די אַלטע יידישע ווערטער און אַ נייע נשמת חיים ווערט אַריינגעאָטעמט אינעם יידישן ליד.

יידישע פּאָעטן הייבן אָן צו ווערן עכטע מבינים פונעם קונסט פון וואָרט. זיי לאָזן זיך אַריין אין די שווערסטע טעכנישע פּראָבלעמען פון פּאָעזיע. זיי דערנענטערן זיך אויך צו פילאָזאָפישע און פּסיכאָלאָגישע פּראָבלעמען און די אַלע זאַכן ווערן אַ טייל פון זייערע לידער. יידישע פּאָעטן פירן דורך עקספּערימענטן מיט פרייע פערז און נייע אימאַזשן. דאָס איז די תקופה פון די „אינזיכיסטן“, א נייע באַוועגונג וואָס ווערט געגרינדעט אין די יידישע פּאָעזיע אין 1918 מיט אהרן גלאַנץ־לעיעלעס, נחום ברוך מינקאָוו און יעקב גלאַטשטיין בראש.

מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער, אין 1925, באַמערקט מען שוין אַ נייע ווענדונג. די אַמעריקאַנע יידישע פּאָעזיע ווערט מער נאַציאָנאַל, מער רעליגיעז, מער יידיש. עס ווערט מער פאַראַנטוואָרטלעך, מער פאַרטאָן אין כלל ישראל, מער באַגייסטערט מיט אהבת ישראל, מער פאַראינטערעסירט אין צוקונפט ישראל.

„וווהין גייט דאָס אַמעריקאַנער יידנטום ?“ פרעגן די יידישע שרייבער. זיי שילדערן די פוסטקייט וואָס איז געקומען מיטן זיין פאַרטאָן אין גשמיות, אין מאַטעריאַליזם. זיי דערמאָנען זייערע לייענער אין די עטישע און קולטורעלע ווערט פון דער אַלטער היים און דער יידישער טראַדיציע. זיי באַדויערן דאָס אוועקגיין פון טראַדיציע. זיי באַדויערן דאָס אוועקגיין פון יונגן דור וואָס איז אין גאַנצן אַסימילירט געוואָרן אין שפּראַכלעכן, נאַציאָנאַלן און גייסטיקן זין. אַ גוטער ביישפּיל פון אַזאַ שטימונג איז יעקב גלאַטשטיינס א ליד וואָס הייסט „זונטאָג שטעטל“. גלאַטשטיין שילדערט די דורכשניטלעכע אמעריקאַנע יידישע בעלי־בתים וואָס פאַרמאָגן שיינע היימען און גוטע אויטאָמאָבילן אבער וואָס בלייבן אָן וואָרצלען אין זייער אייגן קולטור :

רבי לוי יצחקס׳ס באלעגאלע,
וואס שמירט די רעדער מיט סמאלע,
אנגעטאן אין טלית און תפילין,
האט זיך אין דעם מידן,
איינגערואיקטן זונטאג־שטעטל,
פארשטעלט פאר עטלעכע יידן,
וואס שטייען ארום זייערע הייזער,
וואשן די אויטאמאבילן.
טאשן איבער בעת מעשה
דעם סך הכל
פון נעכטיקן צדקה־פינאקל
אין צענטער.

א שטילע האנט פיטערט דעם טרויער
פון כראנישער רו,
וואס באפאלט דאס שטעטל,
איינמאל א וואך;
מיט דער מאנאטאנער לאגיק
פון איינמאל איז זיבן.
דער ווייזער אויף דעם קליינעם סקווער
קריכט פארטאגיק.
א קלויסטער־גלאק וועקט פארזיכטיק
א גאט א פאסיון.
פון די פענסטער הויבט אן עיפושן
מיט חזיר־גריון.
ס׳גייען שכנים אין קלויסטער.
די פארשטעלטע באלעגאלעס
באשפריצן שטילער די רעדער,
שניידן דעם שטראם פון דער קישקע
ס׳זאל נישט מאכן קיין טרעוואגע.
און יעדער זוכט, פארלוירן,
שוץ ביי דער עלנדער סינאגאגע,
וואס איז אין שטעטל פאראנען
און ווארט נעביך אויף יום כפור.
די זונטאג־אידן שמייכלען
צו די שכנים ווי מאראנען.
דער קלויסטער־גלאק גיט א טאלעראנטן היפער,
פארביי אידישע טויערן.
זיי הארכן צום קלויסטער
מיט אנגעשפיצטע,
דערשראקענע אויערן.

דער גרויסער אַמעריקאַנער יידישער פילאָזאָף מרדכי מ. קאַפּלאַן האָט אַמאָל געשריבן אַז אַ מענטש אָן אַ טראַדיציע איז ערגער אָפּ ווי אַ מענטש אָן אַ היימלאַנד. ווייל אַ מענטש אָן אַ היימלאַנד פעלט אויס אָן איצטיקייט. אָבער דער מענטש אָן א טראַדיציע פעלן אויס אַן עבר, א הווה, און אַן עתיד. ער האָט אויך ניט קיין פאַרגאַנגענהייט און קיין צעקונפט.ליידער איז דאָס דער מצב פון מיליאָנען יידן אין אַמעריקע וואָס ווייסן גאָרנישט וועגן די גרויסע יידישע ליטעראַטור וואָס זייערע טאַטעס און מאַמעס, זיידעס און באָבעס האָבן געשאַפן אין אמעריקע.

איך וועל ענדיקן מיט אַ ליד פונעם גרויסן יידישן פאָעט ה. לייוויק אין וועלכע מיר באוווּנדערן די העלדישקייט פון די אַמעריקאַנע יידישע פאָעטן



וואָס גייען אָן מיט זייער שעפערישקייט טראָץ אַלע שוועריקייטן און אָן די אָנערקענונג וואָס עס קומט זיי:

אַ חבר־דיכטער האָט גערעדט צו מיר אזוי צו זאָגן:
מיר זאָלן אַלע אָנשרייבן דאָס לעצטע ליד.
דאָס ליד אַריינטאָן אין אַן אָרון און עס טראָגן
דורך גאַסן ווו עס וווינט דער אַמעריקאַנער ייד.

מיר וועלן איינהילן דאָס ליד אין בלויע טיכער,
און אפשר גאָר עס איינוויקלען אין פראָסטן ווייס,
אין בלעטער־ווייס פון אַלע דיכטערס ביכער,
וואָס ליגן אין די קעלערן — אַ שפייז פאַר מייז.

און אויך אין בלעטער רויט פון אָפּגעראַמטע דיכטער,
וואָס וואַלגערן זיך אין תפיסות, צי ביים צפון־ים,
צי אפשר שוין געטויטע צו די גלאָריע פון פארניכטער,
צו נוץ פון יעדן קין וואָס פאַרשטעלט זיך פאַר אַ תם.

און ווער עס האָט נאָר ווען אַ שורה — ליד געשריבן
וועט אונטערהייבן דעם פארדעקטן אָרון מיט זיין האנט,
דערנאָך, דורך גאַסן פאַר פראָצעסיעס צוגעקליבן,
מיט שטאלצקייט לאָזן זיך צום ענדע־ברעג פון לאַנד.

פאָרויס וועט גיין דער יינגסטער, אין זיין האַנט זיין פעדער,
מיט פייערלעכקייט וועט ער זי צעשמעטערן אויף שטיק,
אַ שליידער צום אַספאַלט, און גלייך נאָך אים איעדער, —
אַזאַ — אַ מאַרש פון איסט־בראָדוויי צו ברוקלין בריק.

פון בריק — צו בראָנזוויל, און צו פלעטבוש, און צו בראַיטן,
צו קוני־איילענד, און צו סי־גייט — צום אַטלאַנטיק־ים,
און אין די ווייסע כוואליעס, העט צו אלע ווייטן,
אַריינוואַרפן אין שטורעם־ווירבל אונדזער לעצטן גראַם.

מיר וועלן אלע שטיין דערנאָך ביים ברעג אַטלאנטיק,
און קוקן ווי די כוואליעס טורעמען אין שוים,
אין צאָרן, צי אין לויב, וואָס דיכטער האָבן אייגנהאַנטיק
אַוועקגעשענקט דעם תהום דאָס פלאַטערניש פון זייער טרוים.

און נאָכדעם? — נאָכדעם וועלן מיר, צום טרוים געטרייע,
צעשיידן זיך און אויסזוכן אַ ברוך־שפיץ פון אַ פען,
און אָנשרייבן אַ ניי געזאַנג — אַ קינה־ליד אויף דער לויה,
און אָנשרייבן דאָס ליד התלהבותדיק, מיט העכסטן ברען!

אויב איר ווילט איז לייוויקס ליד טרויעריק און אויב איר ווילט איז עס ניט טרויעריק נאָר פול מיט מוט און גלויבן אין דער צוקונפט פון דאָס יידישע וואָרט אין אַמעריקע.

עס וועט קומען אַ צייט ווען יונגע אַמעריקאַנער יידן וועלן אויפשטיין און פרעגן: ווער זענען מיר? פון וואַנען קומען מיר? וואָס איז אונדזער אייגן קולטור? דאַן וועלן זיי אַריינקוקן אין די שורות פון דער אַמעריקאַנער יידישער פּאָעזיע און דערקענען זייער אייגן פּנים.

## מ. אלמאן

## צוויי מעטריקעס

אין „דזשואיש קראניקל" פון 19־טן אוגוסט ה.י. איז פארעפנטלעכט א בריוו פון רבי ו. העשעל אין וועלכן ער באריִרט דעם ענין יידישע פאָר־נעמען. אזוי ווי יידן באנוצן זיך איצטער אלץ מער מיט נישט־יידישע נעמען און דעם יידישן נאמען וואס מע גיט זיי, אונטער דער קאַפּאָטע, צו נוצן „אין פריידן און אין ליידן" פארגעסן זיי, לייגט דער חשובער רבי פאר איינצופירן א רעגיס־טראציע פון די יידישע נעמען אין בית־דין, אדער קאָנגרעגעישן.

אזוי ארום וועלן יידישע קינדער פארמאגן צוויי מעטריקעס: פארן נישט־יידישן נאמען אן אפיציעלע — און פארן יידישן נאמען — פון דער יידישער קהילה.

די „דזשואיש קראָניקל", אין א לייט־ארטיקל, שטיצט אונטער דעם רבי העשעל. רופט ארויס פארוווּנדערונג די שטעלונג פון דער „צייטונג" צום דער־מאָנטן פארשלאג.

וואלט נישט בעסער געווען אויפצוקלערן די יידן, אז די צוקונפט פונם קינד איז נישט אפהענגיק פונם נאמען וואס עס טראגט. מע טרעפט יידישע געלערנטע מיט א וועלט־נאמען, וועלכע טראגן פשוטע יידישע נעמען. מע געפינט זיי אפילו צווישן נאָבעל־פרייז טרעגער.

די „דזואיש קראניקל" זוכט דאך פארבינדונגס־פעדעם פון חוץ־לארץ מיט ישראל, פארוואס האט זי נישט די דרייסטקייט פארצולייגן דאָ יידישע נעמען ווי אין ישראל.

אין פוילן, געדענק איך, האבן טייל עלטערן אפילו די נעמען פון זייערע קינדער פארבונדן מיט זייער אידעע. איר געפינט איצטער א נאמען מאַיאַ, וואס שטאמט פון חודש מאי...

מיט וואס זענען שלעכט די נעמען: חיים, יצחק, דוד, זלמן, גאָלדע, רחל? נעמען, וואס באדייטן עפעס פאר די ישראל־בירגער.

אין יידישן פאָלקלאר ווערט דערציילט, אז א פאטער איז אמאָל געגאנגען רעגיסטרירן זיין ניי־געבוירענעם זון און געבעטן אן עצה ביי זיינס א שכן ווי אזוי אינצוגעבן די געבוירן־דאטע, מיט א יאָר פריער, צי מיט א יאר שפעטער (א סגולה פארן פריזיוו). דער שכן האט אים געעצהט אנצוגעבן די ריכטיקע דאטע פון געבוירן. האט דער פאטער דערויף געענטפערט: „זעסט, דאס איז מיר גאר נישט איינגעפאלן"...



נאָר אויב יידן פארשטייען, אז ס'איז גלייכער צו פארזען דעם נאָכקומענ־דיקן דור מיט נישט־יידישע נעמען, וועלן נישט העלפן קיין צוויי מעטריקעס. איז „די שטים פון פאָלק ווי די שטימע פון גאָט". דארף מען אויך אויפרופן צום ספר ביי די נישט־יידישע נעמען: יעמוד רב איגנאץ... און זאָל איוואַן (דער יידישער) בלאָזן שופר.

## בינגא און מנחה

בינגאָ איז אַ שפיל אזא. און מנחה, ווייסט איר דאך וואָס מנחה איז...

האט א סינאגאגע אין מאנטשעסטער, פרעסטוויטשער געגנט, איינגעפירט די בינגאָ־שפיל פאר אייגענע און פרעמדע אין איר בנין, מיט דער פארענט־פערונג, אז ס'ברענגט אריין אביסל הכנסה.

די מנחה־דאוונער האבן זיך אנגעהויבן באקלאגן, אז דער בינגא־גערויש שטערט זיי דאוונען.

וועגן דעם ענין האבן זיך, אין דער ארטיקער יידישער פרעסע, ארויסגעזאגט חשובע לייענער. טייל זענען קעגן בינגאָ אין דער סינאגאָגע; טייל פארטיי־דיקן... די הכנסה.

עס בלייבט צו ווארטן און זען ווער וועמען עס וועט גובר זיין: בינגא־מנחה, צי מנחה־בינגא.

## וועגן א גראמאפאן-פליטע

“Oriole”, MG 10032, London, W.1

אז מע לעבט אין ענגלאנד און מע פארבענקט זיך נאך א יידיש ווארט, איז דא אן עצה, מע ברענגט אין שטוב אריין א פליטע מיט יידישע לידער.

איך האב זיך דא פארשאפט א לאנג־שפילנדיקע פליטע מיט יידישע פאלקס־לידער, וואס איז ארויסגעלאזט געווארן אין לאנדאָן.

אויף דער הילע איז אָנגעגעבן: „איסראַעלי סאָנגס". אז איר הערט זינגען די לידער וווּנדערט אייך פארוואס דווקא „איסראעלי סאנגס", ווען די לידער זענען געשאפן געווארן נישט אין ישראל און ווערן גאנץ געשמאק געזונגען אין חוץ־לארץ...

דערצו איז די הילע פארזען מיט א ישראל־בילד פון א שיינהייט... פון אינעווייניקסטע דערקלערונגען ווערט איר געוואר, אז דאס בילד איז אויסגע־בארגט פון דער ישראל־טוריסטיק.

דאס אלץ קען מען נאך מוחל זיין.

ווען מע הערט אבער דאס זינגען פון די לידער, ווערט — טרויעריק. אזא יידיש פאראייביקט מען?

די זינגערין באַנוצט אַ געמישטן דיאַלעקט און אין טייל לידער האָט זי פאַרגרייזט די ווערטער. זי האָט אויך אַריינגעפירט, וווּ מע דאַרף נישט, אַ ווייכן למד און זינגט דווקא אַ ליד מיט אַ סך למדן („רייזעלע").

אויף דער פליטע ווערן נישט אָנגעגעבן די נעמען פון די מחברים, וואָס האָבן די לידער פאַרפאַסט. אָט זינגט זי געבירטיגס: „קינדער־יאָרן" און

„רייזעלע“; איציק מאַנגערס : „אויפן וועג שטייט אַ בוים“. דאָס זעלבע איז נוגע די אַנדערע לידער, קיין וואָרט נישט וועגן די דיכטער.

דאָס אינטערעסאַנטסטע דערביי איז, וואָס די פּליטע האָט פאַרזיכערט איר „קאָפּירייט“.

וואָס האָבן דאָ די אַרויסגעבער פאַרזיכערט, די יידיש־גרייזן ?

## אייזיק גאָלדבערג

## א באַגריסונג

איך באַגריס פריינט נחמן רובין, רעציטאַטאָר און קולטור־טוער ביים פריינט פון יידיש לשון“ צו זיין זעכציקסטן געבוירן יאָר.

נחמן רובין אַליין אַ שווערער אַרבעטער. מיט אַן עול־פּרנסה פאַר פאַמיליע, טראָגט דעם אַלעם שטייט ער כמעט זיין גאַנץ לעבן ביי דער גייסטיקער אַרבעט, פאַר דעם ליטעראַריש יידישן וואָרט.

רובין האָט געקאָנט זיין אַ פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר, אָבער ער האָט אָנגענומען דעם פּרינציפּ אין זיין לעבן, זיך צו ווידמען דער יידישער קולטור־אַרבעט אָן אַ מאַטעריעלן געווינס, און ער טוט עס לשמה : ער האָט אויף זיך גענומען אַ חוב, צו אָפּפערן פול פון זיין פרייער צייט פאַר דער זאַך, ווייל ער פילט אַז ער ברענגט אַ גייסטיקער באַפרידיגונג פאַר אַנדערע אין דאָס איז זיין לוין.

פריינט נחמן רובין, ווערט ערשט זעכציק יאָר, דאָס איז אָנגעפער ביי יידן און די מיטעלע יאָרן. ער האָט נאָך פאַר זיך אַ לאַנגען־לאַנגען וועג אָנצוגיין מיט זיין קולטור־אַרבעט ;

אַזוי ווינטש איך אים, כוחות, געזונט, אין אַ גוט געמיט און זיין פּריוואַט לעבן, און באַזונדערס, ווי ביז איצט, ווייטער אָנצוגיין, אויפן געזעלשאַפטלעכן קולטורעלן געבויט, ווי עס הייסט ביי אונז יידן, ביז הונדערט און צוואַנציק, גוטע געזונטע יאָר !...

## רעדאקציע - נאָטיץ

די דערציילונג פון י. ביעטש, דער עסיי פון ש. י. האַרענדאָף און דאָס ליד פון עלען ווינאָגראַד וועלן אַריינקומען אין אָקטאָבער נומער. אויך די קולטור־ידיעות.

ד.ר.

---

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נאָכמיטאָגס

(אין בערנער סטר. 33, בערנאַרד באַראָן סעטלמענט — 3 אַזייגער)

שבת, דעם 24סטן סעפּטעמבער וועט יעקב ריכטיקער האַלטן אַ רעפעראַט איבער די מקורות פון די ימים־נוראים־מנהגים.

שבת, דעם 8 — אַ פאָרטראַג איבער קוהלת און לייענען פון פּרצעס און יהואש׳ס איבערזעצונגען.

שבת, דעם 15׳טן אָקטאָבער. פאָרלעזונגען פון די פּאָעטן־קלאַסיקער פרוג, ראָזענפעלד און יהואש — סיכות און שמחת־לידער און באַלאַדעס.

מרים לעווי און פאַמיליע ווינשט אלע פריינט אלעס בעסטע צום נייען יאָר.

יהושע שינדלער און פרוי ווינשט אַ כתיבה וחתימה טובה אַלע זיינע פריינט און כל ישראל.

מר. און מרס. סעם הערסט ווינשן זייערע זין, טאָכטער, שנירס, אייניקלעך, משפחה און קרובים אין ישראל, רומעניע, אַמעריקע, אַ כתיבה וחתימה טובה.

פיליפ קליינבוים ווינשט זיינע ברידער אין שוועסטער און די גאַנצע משפחה אין פראַנקרייך און אין ענגלאַנד און אלע זיינע פריינט אַ גוט און גרינג און פריילעך יאָר.

דער דיכטער שמואל און אסתר וואַייט — ווינטשן זייער פאַמיליע, פריינד און כלל ישראל אַ כתיבה וחתימה טובה.

מרס. טאַבאַטשניק ווינשט אירע קינדער און אַלע פריינט א גוט יאָר.

סעם לעף און פרוי ווינטשן אלע פריינט פון יידיש לשון א גוט יאָר.

רחל מירסקי ווינשט איר שוועסטער און שוואָגער אין דער שווייץ, איר ברודער מיט זיין פרוי און קינדער אין אמעריקא, איר משפחה אין מדינת ישראל אויך אין פאַריז און אלע פריינט אין לאַנדאָן א גוט יאָר.

לשנה טובה צו אלע פריינד און יידן בכלל אין דער גאַנצער וועלט ווינשט מר. און מרס. פּאַדאַלסקי.

ב. שולמאַן פרוי און פאַמיליע ווינשט זיין פאַמיליע פריינט און כל ישראל א כתיבה וחתימה טובה.

לשנה טובה תכתבו צו מיינע קינדער און זייערע משפחות און אלע פריינט פון לשון און לעבן — פּרץ אַקערמאַן.

א געזונט און גליקלעך יאָר, ווינטשן מיר אונזער טאָכטער איידעם, אייניקל, ריטשמאַנס משפחה און פריינט. באַזונדערס אלע פריינט פון „פריינט פון יידיש לשון“ די „ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס“ און כל ישראל — אייזיק גאָלדבערג און פרוי צביה.

אסתר ראַפּאַפּאָרט ווינשט די פאַמיליע און אלע בעקאַנטע א כתיבה וחתימה טובה.

יעקב און מילע טיילאָר פון לידז ווינטשן אלע זייערע פריינט און באַקאַנטע אַ יאָר פון געזונט און שלום.

מר. און מרס. פ. היימאַן און פאַמיליע ווינטשן זייערע פריינט און אויך פאַמיליע אין ישראל א שנה טובה.

לשנה טובה תכתבו ! די בעסטע ברכות צום נייעם יאָר מיין ברודער אהרן' שוועגערינס, פּלימעניקס און פּלימעניצעס אין בריסל, תל־אביב, טאָראָנטאָ, זייערע פרויען און קינדער. די קאָלעגן און „פריינט פון יידיש לשון“, דער יידישן זשורנאַליסטן און ליטעראַטן־פאַריין אין לאַנדאָן ; די ה״ה רעדאַקטאָרן און מיטאַרבעטער פון די יידישע צייטונגען אין תל־אביב, ניו־יאָרק, אַרגענטינע, בראַזיל, יאָהאַנעסבורג, פּאַריז און לאַנדאָן. — ש. י. האַרענדאָרף און פרוי.

ישראל און בעטטע שפּעטמאַן ווינטשען דעם כלל ישראל אַ שנה טובה.

איך ווינטש מיינע ברודער און פריינט אין לאַנדאָן, מיינע געשוויסטער אין ניו יאָרק, מיין משפחה און פריינט אין אמסטערדאַם און אין ישראל א כתיבה וחתמה טובה — י. מאַנדעלבוים און פרוי.

סעמועל, 97 ניוראָד „סעקאָנט קלאָטה שאָפּ“ ווינטש אַלע זיינע פריינט אַ גוט יאָר.

רבקה היישעריק מיטן מאַן פון לאַנדאָן ווינטשן דער משפחה אין בראַזיליען און ארץ ישראל א גליקליך געבענטשט יאָר.

משה מאַרקאָוויטש און פרוי ווינשט זיינע זין, שנירס, טעכטער, פאַמיליע, מעמבערס פון נעלסאָן שול' און דעם רבין א כתיבה וחתימה טובה.

פרוי רודי שינדלער פון פּאַריז ווינשט איר ברודער פריינט און בעקאַנטע אגעזונט גוט יאָר.

אברהם בערמאַן און זון דוד 207 Lower Clapton Rd., E.5 ווינטשן אלע זייערע גוטע פריינט א כתיבה וחתימה טובה.

משה בעקערמאַן און פרוי ווינטשן משפחה, פריינט אין ענגלאַנד, פראַנקרייך, פּוילן און אמעריקע און כל ישראל א יאָר פון געזונט, פרנסה און א פריידלעך לעבן.

לכל משכחתי ברכתי לשנה החדשה שנשמע בשורות טובות מכל אחינו בני ישראל באשר הם שם — ח. נ. בענקוויץ.

איך ווינטש מיין ברודער משה זיין פרוי און קינדער ווי אויך אלע פריינט פון דער יידישער קולטור איבעראַל, א געזונט און פריילעך יאָר — לו אלמאַן, מאַנטשעסטער.

פאַרזיצערן פון איסט לאַנדאָן „וויצ״א מרס. אני נאַדלער ווינשט די מעמבערס פון וויצ״א, בית ציון און לשון און לעבן א כתיבה וחתימה טובה.

עלי זילבערג ווינשט א געזונטן און גליקליכן יאָר צו איר טייערן ברודער און זיין משפּחה צו אלע פריינט פון אידישן לשון לשנה טובה תכתבו.

ל.ביילי ווינטשט דעם זון און די שניר די 2 אייניקלעך און דעם זונס אײדעם און קרובים א גוט געזונט יאר.

יוסף גרינבערג און פרוי ווינטשן זייערע קינדער און אייניקלעך, קרובים און פריינט דאַ, אין אַמעריקע און אין אַרגענטינע אַ געזונט און גליקלעך יאָר.

ברוך מרדכי קליין און פרוי ווינטשן קרובים און פריינט אַ גוט געזונט יאָר.

אברהם בן יהודה און זיין פרוי לאה און זייער זון יהודה ווינטשן זייערע קרובים און פריינט אַ כתיבה וחתימה טובה.

מרדכי לאַנדער און פרוי ווינטשן זייערע קינדער און אייניקלעך אין ארץ־ישראל און אין חוץ־לארץ, און פריינט און קרובים׳ אַ שנת חיים ושלום.

אברהם בלום ווינשט כל ישראל און אלע פעלקער א גוט יאר.

מיר ווינטשן געזונט און לעבן אלע אונזערע גוטע פריינט — מאיר און דארא ראז.

מילי באריס ווינשט אירע קינדער, פריינט און בעקאנטע, ספעציעל די פריינט פון „לשון און לעבן" א גוט געזונט יאר.

א הארציקן מזל טוב אונדזער פריינט
מארי ביעטש און פרוי
צו דער החתונה פון זייער זון

מיר ווינטשן אונדזער פריינט
יודל גאלדבערג און פרוי
צו דער תנאים פון זייער איינציקער טאכטער
א הארציקן מזל טוב

פריינט ביילי און פרוי
צו דער בר־מצוה פון ערשטן אייניקעל
אסך נחת

מיר ווינטשן אונדזער קאמיטעט מיטגליד
משה בעקערמאן און פרוי
צו דער בר מצוה פון ערשטן אייניקעל
צו דערלעבן א סך נחת

אַ האַרציקן מזל־טוב
חזן ברוך סמוס און פרוי
צו דער פאַרלאָבונג פון זייער יינגסטער טאָכטער
„פריינט פון יידיש לשון"


פ ר י י נ ט   פ ו ן   י י ד י ש   ל ש ו ן

גראנדיעזער שמחת-תורה באל

(טאַנץ און געשמאַקער צובייסן)

אין דער אַדלער האָל, אַדלער סטריט, א.1.

שבת, 15-טן אקטאבער

אָנפאַנג, 7.30

איינטריט 5 שילינג 6 פעניס




# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור


נומער 10 (העפט 350)   איין און צוואַנציקסטער יאָר   אָקטאָבער 1960 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל


א י נ ה אַ ל ט :


„יידיש איז טויט!...", יידיש, אַז תמיד אונזער בלוט מיט גאַז טוט רינען, תחית־המתים, „ידינו לא שפכו את הדם הזה" ........ ** 1

יידישע פילאָזאָפיע און טראַדיציע: קוהלת און איוב ........ י. ריכטיגער 6

דאָס גלאָז (ליד) ........ ש. האַלקין 12

דו (ליד) ........ שמואל וההייט 13

ווען איז אַ פריינט אַ פריינט? (ליד) ........ עלען ווינאָגראַד 13

דאָס בראָשקעלע (דערציילונג) ........ י. ביעטש 14

אויף ווייטשעפל גאַס, האַרבסט (לידער און באַלאַדע) ........ א. נ. שטענצל 20

דער גליקלעכער מענטש (דערציילונג) ........ סאָמערסעט מאהם 24

זכרונות וועגן מאָריס שוואַרץ, ע.ה. ........ ש. י. דאָרפזאָן 29

קול-העם כל-הגוימדיקער (שלוס פון לייטאַרטיקל) ........ 32

אַ „יעמוד" פאַר ענגליש פראַנצויזיש און שפּאַניש — אָבער נישט פאַר יידיש (אַן אָפענער בריוו צו די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער פאַר־קאָנפערענץ, צו שאַפן אַ וועלט פאַרבאַנד פון יידישע זשורנאַליסטן)
ש. י. דאָרפזאָן

יידיש ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס ........ 32


**פרייז 2 שילינג**


**אַבאָנאָמענט־פרייז: 26— שילינג פאַר אַ יאָר**

**אין אויסלאַנד: 8— דאָלאַר אַ יאָר**

**אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע:—**

"LOSHN UN LEBN," 17 Delamare Buildings,
Collingwood Street, London, E.1. England

*Published and Edited by* A. N. Stencl, *17 Delamara Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Sreet, London, E.1*